# קרעדיט יוניאָנס

([illegible])

זייער ענטשטעהונג
און שטרעבונג

פון

מ. צעושר

ארויסגעגעבען פון דער

DIVISION OF REMEDIAL LOANS

RUSSELL SAGE FOUNDATION

130 East 22nd Street New York City

December 1916 פרייז 25 סענט

# קרעדיט יוניאָנס

## (קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס בענק)

## זייער ענטשטעהונג און שטרעבונג

דער אלף בית פון קרעדיט יוניאָניזם
לויט פראַגען און אַנטוואָרטען.
סעמפעל פון ביי־לאָוס.

ביי

**מ. צעזאַר**

ארויסגעגעבען פון דער

**DIVISION OF REMEDIAL LOANS**

**RUSSELL SAGE FOUNDATION**

**130 East 22nd Street New York City**

**December 1916** פרייז 25 סענט

## SOME PUBLICATIONS ON COOPERATIVE CREDIT
## ISSUED BY
## RUSSELL SAGE FOUNDATION

No. 5. **Cooperative Credit.** A Selected Bibliography. Bulletin of Russell Sage Foundation Library, June, 1914. (5 cents.)

RL 15. **A Credit Union Primer.** By Arthur H. Ham and Leonard G. Robinson.
Contains a brief history of cooperative credit, an outline of its principles, model by-laws, books and forms, and the New York credit union law.
Division of Remedial Loans. 79 p. 1914. (25 cents.)

RL 16. **The Cooperative People's Bank.** By Alphonse Desjardins.
The evolution of the Canadian cooperative bank.
Division of Remedial Loans. 42 p. 1914. (15 cents.)

RL 19. **Credit Unions and their Relation to Savings and Loan Associations.** By Arthur H. Ham.
Division of Remedial Loans. 12 p. 1915. (Single copies free.)

RL 22. **Determining Credit.** A Method for Credit Committees. Devised by R. S. Hale.
Division of Remedial Loans. 8 p. 1916. (Single copies free.)

RL 23. **The Object of the Credit Union.** A Reply to Myron T. Herrick. By Arthur H. Ham.
Division of Remedial Loans. 16 p. 1916. (Single copies free.)

RL 24. **People's Banks.** By Arthur H. Ham.
Division of Remedial Loans. 16 p. 1916. (Single copies free.)

RL 27. **Credit Unions, Their Development and Purpose.** (In Yiddish.) By M. Caesar.
Division of Remedial Loans. 48 p. 1916. (25 cents.)

---

Copyright, 1916, by
The Russell Sage Foundation

# די ענטוויקלונג פון קרעדיט יוניאָנס אַלס אַ פאָלקס־בעוועגונג.

## 1.

עס איז שווער צו זאָגן וואו און ווען איז צום ערשטען מאָל אין דער מאָדערנער צייט ענטשטאַנען די בעוועגונג פאר א קאָלעקטיווען קרעדיט אלס הילף פאר דעם איינצעלנעם, צווישען די ארימע פאָלקס־מאַסען.

אַבוואָהל זייט 1850 געפינען מיר שוין אין ענגלאַנד צווישען די קירכליכע געזעלשאַפטען פון די פ ר ע נ ד ס, גרופען פון אזא קאָלעקטיווען קרעדיט, מיט'ן ציעל צו העלפען זייערע מיטגליעדער, און שפּעטער אין דייטשלאַנד, — די דעליטש און רייפאייזען פאָלקס בענק, דאָך האָבען זיך די קרעדיט בענק ענטוויקעלט די לעצטע 10־15 יאָהר אין אזא גרויסער פאָלקס בעוועגונג, אז היינט שפּיעלען זיי א וויכטיגע ראָלע אין לעבען פון די פאָלקס־מאַסען אין אלע ציוויליזירטע לענדער. מען קען מיט זיכערהייט זאָגען, אז דיעזע בעוועגונג, וועלכע האָט איצט אין איהרע גרופען פון קרעדיט געזעלשאַפטען איבער 15 מיליאָן מיטגליעדער און א קאַפּיטאַל פון איבער 7 ביליאָן דאָלאַר, וועט אין עטליכע צעהנדליג יאָהר ווערען די גרעסטע פאָלקס־אינסטיטוציאָן אין דער וועלט פאר געגענזייטיגער הילף, אויב זי זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף אַנ'־אינטערנאַציאָנאַלען באַזיס.

אין יאהר 1885, ווען איך האָב פערבראַכט אין קאָנסטאַנצע דאָברודזשע, ביי דעם שוואַרצען ים, בין איך געקומען אין פערבונדונג מיט אַן ארטעל האַפען־ארבייטער, קורדען, פון קליין אזיען, וואו איך האָב צום ערשטען מאָל ערפאַהרען וועגען דעם ארט חברותה־קרעדיט וואָס האָט עקזיסטירט צווישען דיעזע ווענינג ציוויליזירטע בערג־מענשען פון ארום פערזיען. זיי האָבען מיר ערקלערט, אז אזוי פיהרען זיי זיך, זייט זיי געדענקען, אנדערש וואָלטען זיי ניט געקענט פערלאָזען זייערע פאַמיליען און פאָהרען ארבייטען ביי די האַפענס הונדערטער מיילען ווייט פון זייערע היימען.

איך פלעג מיט גרויס אינטערעס צוזעהען, ווי אויף שטיקלעך פערשניצטע האָלץ פלעגען די 30 לאַסט־ארבייטער רעפּאָנירען זייערע פערדינסטען ביי זייער עלטסטען, אַן אלטער, רוהיגער קורד, וועלכער פלעגט איינקריצען די סומע אויף יעדענס שטיקעל האָלץ.

ווען די צייט פלעגט קומען צו שיקען א שליח א היים צו די פאמיליען, פלעגען זיי ארויסשיקען צו יעדער פאמיליע אזויפיעל, ווי פיעל די חברה האָט בעשלאָסען צו שיקען, ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט צי אייניגע האָבען ניט געהאט אזוי פיעל אין דער „באנק“ ביי דעם אלטען קורד. די חברה האָט אויסגעבאָרגט דעם וואָס האָט געפעהלט.

אָט דאָ האָב איך געהאט א מיניאטור פון א מאָדערנע „באנק, עקספרעס און פאסאזש געשעפט“. שפּעטער ווען איך האָב זיך גענומען מעהר אינטערעסירען מיט דיעזער נייער עקאָנאָמישער ערשיינונג, האָט מען מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז ניט ווייט, נעבען קאָרא מוראט, ביי די רוסישע קאָלאָניסטען, די מאלאקאנעס, איז אויך פאראהאן אזא ארט „באנק און קרעדיט סיסטעם.“ איך האָב דאן נאָך וועניג וואס געוואוסט פון די רייפאייזען אדער שולץ דעליטש בענק פון דייטשלאנד אדער וועגען פאָלקס קרעדיט בענק. מיר האָט אינטערעסירט די סענטימענטאלע זייט פון דעם ענין, דער ארט צוטרוי, דער קאָמוניזם פון דיעזע מענשען, וועלכע טהוען זאכען, איבער וועלכע מיר בוירען זיך די מוחות מיט ביכער און אגיטאציע און זיי ווייסען גאָר ניט דערפון. ערשט שפּעטער ביי די אנאבאפטיסטען, דייטשע קאָלאָניסטען אין דער געגענד פון ארום קאנסטאנצע, האָב איך געטראָפען צום ערשטען מאָל עפּעס אן ארט אָרגאניזאציע, לויט'ן מוסטער פון א דייטשער רייפאייזען אגרארקרעדיט־באנק, מיט ביכער און וועקסלען, וואָס יעדער קאָלאָניסט מיט זיין ווייב און עלטערע קינדער דארפען אונטערשרייבען, איידער ער קריגט געבאָרגט פון דער קרעדיט־קאסע 20 פראנק.

מיר איז אָבער שטענדיג געווען מעהר סימפאטיש דער אלטער באנקיר ביי די קורדען, ווי דער דייטשער בויער מיט זיינע ביכער און וועקסלען.

איך האָב זיך בעקענט מיט אייניגע רוסישע מאלאקאנעס און מיט זייער קרעדיט־סיסטעם. ווי איבעראשט בין איך געוואָרען, ווען דער בעריהמטער רעוואָלוציאָנער, דאָקטאָר פעטראָוויטש, א שוואָגער פון קאראלענקא, האָט מיר דערצעהלט, אז אפילו די סוחרים פיהרען זיך אויך אויף אזא ארט; אז אויב אייגער ניט זיין וואָרט אין נאָוואָ־נאָראָד, אבוואהל ער קומט פון אדעס, צו אן אנדערער סוחר א מאלאקאן, ווערט זיין וואָרט גענומען פאר געלד. מען דארף ניט שרייבען. און אזוי, האָט ער מיר געזאָגט, פיהרען זיך די פ ר ע נ ד ס

אין די ענגליש־שפּרעכענדע לענדער. ביי זיי איז דאָס וואָרט געלד. דאָ האָב איך געזעהען אז דער מענשליכער כאַראַקטער איז פּערוואַנדעלט געוואָרען אין געלד און טאַקי דאָס איז עס, וואָס די קרעדיט־יוניאָן אָדער פֿאָלקס־באַנק בעוועגונג שטרעבט צו ערייכען, ניט פֿאַר סעקטאַנטען נאָר פֿאַר די גרויסע פֿאָלקס מאַסען. און אין דעם, וואָס עקאָנאָמיסטען און פֿינאַנסיסטען האָבען געצווייפֿעלט און צווייפֿלען, מאַכט די מענשליכע גוטווענדיגקייט פֿאַר א געזעלשאַפֿטליכען פֿאַקטאָר.

די בעוועגונג האָט מיך אינטערעסירט די גאַנצע צייט, איך האָב מעהרערע מאָל גערעדט וועגען דעם אין קליינע קרייזען פֿון פֿריינד, ביז אין ווינטער פֿון 1913 און אין דער צייט פֿון די „סופּ־קיטשענס“ פֿאַר ארבייטסלאָזע. דאַן האָב איך פֿאָרגעשלאָגען אזעלכע קרעדיט יוניאַנס און האָב פֿאָרגעלעזען מיין ערשטע אָבהאַנדלונג איבער דיעזער פֿראַגע. פֿיעלע אָנגעזעהענע מענשען האָבען מיר מיט אינטערעס אויסגעהערט, און דאָך פֿיהלט זיך נאָך ניט א גרויסער דראַנג צו מאַכען פֿון איהר דאָס, וואָס זי דאַרף זיין.

די רעגירונג פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען, וועלכע זוכט צו העלפֿען פֿערשפּרייטען אלערליי אינפֿאָרמאַציאָנען וועגען נייע ריכטונגען, האָט געדרוקט דעם ערשטען בולעטין איבער דיעזען ענין ערשט אין 1892, און ביז מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט מען וועניג וואָס זיך אינטערעסירט מיט דיעזער פֿאָלקס באַנק בעוועגונג. דיעזע בעוועגונג, מעהר ווי אלע אנדערע בעוועגונגען פֿאַר געזעלשאַפֿטליכער פֿערבעסערונג, מוז קומען נור פֿון אונטען אַרויף, ווייל עס האַנדעלט זיך אום צוטרוי קרעדיט. און ווער טרויט דעם אָרימאַן אויב ער וועט ניט זיך טרויען אליין?

אָבוואָהל מיר אידען האָבען אונזערע גמילת חסדים לֹאַן סאָסייעטיס, אַקציעס, און אַנדערע פֿעראיינען, דאָך זיינען זיי אַלע ניט דאָס, וואָס די קרעדיט יוניאָן אָדער פֿאָלקס־באַנק שטרעבט צו זיין. אין איינינע הינזיכטען האָט זייער טהעטיגקייט נאָר נישט צו טהאָן מיט דער אויפֿגאַבע פֿון די קרעדיט־יוניאַנס. זאָגאַר נאָך די געזעצליכע רעגלאַמענטירונג פֿון די קרעדיט יוניאַנס אין מאַסאַטשוזעטס אין 1909, וואו די געזעצליכע קרעדיט־יוניאָנס זיינען די עלטערע, און דאָ אין ניו־יאָרק סטייט, זייט דאָס געזעץ פֿון קרעדיט יוניאָנס איז דורכגעפֿיהרט געוואָרען (אין 1913) דורך די בעמיהונגען פֿון דער „סיידזש פֿאָונדיישען“ און די אידישע אַגריקולטור־

סאָסייעטיס, האָבען מיר נאָך ניט פיעל פּראָגרעסירט, אַז מען זאָל זיך קענען רעכענען מיט אַן אַלגעמיינע פאָלקס־בעוועגונג. ווייל רעגלאַמענטירונג און געזעצגעבונג העלפען ניט אַלע מאָל שאַפען דאָס, וואָס די נויטווענדיגקייט פון לעבען רופט אַרויס. דאָס, וואָס די נויט האָט געלערנט די מאַסען אין אַלע לענדער אין אַלע צייטען, ווען די נויט אויך לערנען דאָ. מיר מוזען זיך בעקענען מיט די פאַקטען און עקספּערימענטען, וואָס אַנדערע האָבען דורכגעמאַכט, אום מיר זאָלען ניט מאַכען דיזעלבע פעהלערען. ביי ווענען זיך צו לערנען האָבען מיר, ווייל איידער דער קריעג האָט אויסגעבראָכען (1914), געפינען מיר, אַז אין אייראָפּאַ זיינען 15 מיליאָן מענשען אָרגאַניזירט געווען אין 65 טויזענד געזעלשאַפטען פון קרעדיט מיט אַ קאָנטראָל פון אַ פערמעגען איבער 7 ביליאָן דאָלער, וועלכע ווערען קאָנטראָלירט און פערוואַלטעט פון פאָלק אויף דעם דעמאָקראַטישען פּרינציפּ. און די אָרגאַניזאַציאָנען פון קאָאָפעראַטיווען פאָלקס־קרעדיט האַלטען אין איין וואַקסען זייט 1850, ווען מיר געפינען די ערשטע סיסטעמאַטישע אָרגאַניזאַציאָן.

נאַטירליך האָט יעדעס לאַנד אויסגעאַרבייט איהרע געזעצליכע פאַרשריפטען אַזוי, אַז די אַנדערע טיילען פון דער געזעלשאַפט זאָלען ניט ליידען פון דער נייער בעוועגונג. דאָס טהוט יעדע געזעצגעבונג אין אַלגעמיין און דאַפיר האָט יעדעס לאַנד איהר אַרט פאַרשריפטען פון אָרגאַניזאַציאָן. אָבער אָבשטעלען דעם איננערליכען שטרעבען צו אַ געגענזייטיגען צוטרויען פון מענש צו מענש, דאָס קען מען היינט צו טאָג ניט מעהר. מען קען פערשווייגען אַ געוויסע ריכטונג, אָדער בעוועגונג אַ געוויסע צייט פריהער אָדער שפּעטער ברעכט זי זיך אָבער דורך אַ וועג. אַזוי איז עס מיט אַלע נייע ריכטונגען און בעוועגונגען, און אַזוי איז עס אויך מיט דער קאָאָפעראַטיווער קרעדיט יוניאָן אָדער פאָלקס־באַנק בעוועגונג.

איין פּרינציפּ בלייבט אָבער דער זעלבער ביי אַלע פעלקער אין אַלע צייטען, זייט די שטרעבונג בעווייזט זיך, נעמליך : צו אַנערקענען דעם כאַראַקטער פון דעם איינצעלנעם, פערבונדען מיט זיין גרופּע מיט־מענשען, אַלס זיין קאַפּיטאַל, און צו פערוועהרטען דיזען קאַפּיטאַל געמיינשאַפטליך מיט זיינע מיט־מענשען אין אַ מיטעל צו בעקעמפפען זיין אינדיווידועלע הילפלאָזיגקייט אין דער געזעלשאַפט. דאָס זיינען די שטאַרקע יסודות מיט וועלכע די

קרעדיט יוניאָנס פאָלקס־בענק אונטערשיידען זיך פון אַלע אַנדערע עהנליכע געזעלשאַפטען פאַר געלד־לייהען.

---

2

לואידזשי לוצאַטי, דער גרויסער איטאַליענישער שטאַאַטסמאַן, דער פיאָנער פון דיעזער בעוועגונג פאַר די לעצטע 50 יאָהר, האַלט שטאַרקער פון דיעזען יסוד ווי אַלע אַנדערע. אַבוואָהל די רעליטש און רייפאַייזען בענק אין דייטשלאַנד, זאָגט מען, האָבען געשאַפען דאָס מאָדערנע דייטשלאַנד אין איהר אַגריקולטורעלער ענטוויקלונג דורך גרינג־קאַפיטאַל פאַר איהרע פאַרמערס, דאָך טרעפען מיר אין גאַנץ אייראָפאַ צווישען די ברייטע שיכטען פון אינדוסטריעלע אַרבייטער די נייע ריכטונג, אַז דער כאַראַקטער פון דעם איינצעלנעם זאָל זיין פערווערטעט אַלס זיין קאַפיטאַל, אין דער גרופע מענשען וועלכע ער רופט ברידער, גלויבענסגענאָסען און זאָגאַר מיטבירגער.

לוצאַטי האַלט, אַז דער עטישער אימפּעראַטיוו, וועלכער פערבינדט דעם אינדיווידואום צו אַ גרופע אין זיין טרייהייט און סאָלידאַריטעט צו דיעזער גרופע, מעג זי זיין ווי קליין, אָדער ווי גרויס: אויב די גרופע האָט נאָר מיטלען אַבצושאַצען און אָנצוערקענען זיין כאַראַקטער און זיין אינטימע פערזענליכקייט, אַזוי פיעל איז ער ווערט פאַר דער גרופע וועלכע טרויט איהם פון איהר פערמעגען פאַר זיינע פערזענליכע אָדער געזעלשאַפטליכע בעדירפניסע אויב ער וויל ניט אַז די גרופע זעלבסט זאָל זיין טראָסטיע, וועגווייזער, קאָ׳אָפעראַטאָר אָדער מיטאַרבייטער. דאָס וואָרט מוז צום מענש ווערען — דאָס איז די קווינטעסענץ פון דעם עטישען בעגריף וועלכען די קרעדיט יוניאָנס ווילען איינפלאַנצען אין די ברייטע פאָלקס־מאַסען; דאָס איז דער פאַקטאָר פון ערציהונג וועלכען דיזע בעוועגונג טראָגט אין זיך. — די סאָלידאַריטעט, וואו איינער אָדער מעהרערע פון דער גרופע שטעלען זיך פאַר איינעם, איז די סענטימענטאַלע זייט איבערזעצט אין פראַקטישע טהעטיגקייט פון ליעבען דעם חבר און טרויען דעם חבר. נאָר אַזוי מוזען מיר דיעזע בעוועגונג בעגרייפען, און אַזוי האָבען זי די גרויסע מענער פון פאָריגען יאָהרהונדערט פאָראויס

געזעהען; נאָך אַ סך פריהער ווי די קאַבינעט־מענשען האָבען זי אויפגענומען אַלס אַ שטאַאַטס־איינריכטונג.

לוצאטי איז אין זיינע יונגע יאָהרען (נאָך 1850) געפאָהרען קיין לאָנדאָן זיך בעקענען מיט דעם ארט פון קרעדיט הלוואות וואָס האָט עקזיסטירט ביי די פ ר ע נ ד ס. און ווען ער איז צוריקגע־קומען קיין איטאליען און האָט אָנגעפאַנגען צו געבען הלוואות אויף דעם כאראקטער פון דעם איינצעלנעם, האָט מען פון איהם חוזק געמאכט. און היינט האָט איטאַליע צו פערדאנקען איהר פראגרעס פון קאָאָפעראציאָן און פאָלקס בענק דיעזען עקספערימענט צו גע־בען הלוואות אויף'ן וואָרט פון'ם בעדירפטיגען.

נאָר דורך פעראייניגונג פון דעם איינצעלנעם מיט זיין גלייך־כען אויף'ן געביט פון זעלבסט הילף, ווערט זיין אמביציאָן צו בע־סערע טהעטיגקייט ענטוויקעלט און זיינע בעסטע מעלות ווייזען זיך ארויס. און ווען ער לעגט צוזאמען זיינע קליינע אָבגעשפּאָרטע פאָר סענט מיט אנדערע און ער פיהלט אז דאָס ווערט אַ קליין קאפיטאל פון וועלכען ער אליין אָדער זיינע בעסטע אין דער חברה קענען זיך בענוצען אין צייט פון נויט אָדער פאר אַן אלגעמיינע אונטערנעהמונג, ווערט ער אַ פיעל ערנסטערער און איבערגעבענער מענש פאר דעם כלל. און אזוי זעהען מיר, אז אין איטאליען האָבען די פאָלקס בענק געגעבען אַ גרויסען שטויס פארווערטס צו קאָ־אָפּעראטיווע בעוועגונג און די בעוועגונג פאר פאָלקס פערבעסע־רונג אין אַלגעמיין.

דיעזע בענק ווערען פערוואַלטעט און קאָנטראָלירט פון די מיט־גליעדער זעלבסט.

פאר 1 דאָלאַר אַ שעער און מיט גלייכע שטימרעכט פאר יע־דען, האָבען זיי געבראַכט צו אַ בעסערען מעמד די אָרימסטע פון פאָלק. זיי האָבען פערבעסערט זייער לאַגע דורך חברותה פון קרע־דיט און ארבייט אזוי, אז די אָרימסטע קענען זיך אויך פיהלען אַלס מענשען מיט ווירדע.

די קאָאָפעראטיווע באַנק פון מילאַן און די הייזער, וועלכע דיעזע קאָאָפעראטיווע באַנק האָט אויפגעבויט, זיינען דער בעסטער בעווייז פון די גרויסע נוצען וואָס דער איינציגער קריגט דורך דיעזע פאָלקס בענק.

די 6 מילארד מארק וואָס די דייטשע רייפאייזען בענק קאָנטראָ־לירען, האָבען איבערגעענדערט דעם אגריקולטורען און פארם שטיי־

נער פון דייטשלאַנד און די פּאַרמער. אין רומעניען, וואו די ערש־טע קרעדיט באַנק איז געשאַפען געוואָרען, האָט זי אין 6 יאָהר צייט, פון 1902 ביז 1909, ערייכט א מעמבערשיפ פון 350 000 און א פערמעגען פון 37 מיליאָן פראַנק. דיעזע בעוועגונג האָט געהאָלפען אוועקשטעלען די לאַנד פראַנע אויף א ריכטיגען באַזיס, נאָכדעם ווי 10 טויזענד בויערען זיינען אויסגעשאָסען געוואָרען נאָך דעם אגראַר־אויפשטאַנד פון 1907. אזוי איז אויך פאָרגעקומען אין רוסלאַנד מיט איהרע 14 טויזענד קרעדיט יוניאָנס, אויך אין יאַ־פּאַן, אינדיען, עגיפּטען, — אין אַלע לענדער וואו נאָר דער נייער געדאַנק פון זעלבסט הילף פאַר די מאַסען האָט בעשאַפען א צוטרוי צום איינצעלנעם אין פערבינדונג מיט זיין גרופּע.

אויב מען האָט אין א משך פון 10-15 יאָהר אזוי פיעל אויפ־געטהאָן אין אנדערע לענדער, וואו די אָרגאַניזאַציאָן פון די מאַסען קומט ניט אָן אזוי לייכט, וויפיעל מעהרער וואָלט מען געקענט אויפטהאָן דאָ, וואו כמעט יעדער איינציגער בעלאַנגט צו אן אָר־גאַניזאַציאָן און פיעלע צו מעהרערע אָרגאַניזאַציאָנען. איך קען איי־נינע, וועלכע בעלאַנגען צו 6-7 אָרגאַניזאַציאָנען און אפילו די ער־וואַקסענע קינדער אין א הויז בעלאַנגען צו 2-3 אָרגאַניזאַציאָנען.

און אויב מיר וועלען נאָך מיט דער צייט דערגרייכען דעם פּלאַן פון א סיוויק יוניט אין יעדען סקווער בלאָק אין די שטעדט, (פריהער אָדער שפּעטער וועלען מיר מוזען דאָס טהאָן צוליעב אַנ־דערע צוועקען) קענען מיר זאָגען, אז מיר האָבען א כאַראַקטער רע־קאָרד פון יעדען איינצעלנעם פון אונזער שטאָדט אָדער דאָרף. און אזוי איז היינט צו טאָג שוין דער פאַל אין א געגענד פון איבער הונדערט איינוואָהנער אין א ווילעדזש, וואו יעדער איינער איז א מיטגליעד פון דער קרעדיט יוניאָן.

אויף יעדען געביט פון געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט איז דער פערלאַנג פאַר מעהר עפענטליכקייט אפילו אין די וויכטיג־סטע שטאַאַטס אנגעלעגענהייטען. קען יעדער צוגעבען, אז דאָרט וואו דער איינצעלנער קומט אָן צום כלל, זאָל ער געפינען פאַר זיין פליכט צו געבען אזויפיעל אָפענע אינפאָרמאַציאָן צו זיין חברה מיט וועלכער ער איז פערבונדען, וויפיעל א גרויסער סוחר גיט צו זיין באַנק.

צום ביישפּיעל: איינער וויל קויפען א פּיאַנאָ, דאַרף ער נאָר לאָזען וויסען דעם אינסטאָלמענט פּעדלער אָדער אינסטאַלמענט

הייז און ער וועט שוין קרינען א פּיאַנאָ צי ער דאַרף עס פאַר א ציינ־רונג צי ער דאַרף זי פאַר א קינד וואָס האָט נאָר ניט קיין געהער פאַר מוזיק און האָט נאָר פעהינקייטען פאַר צייכנען. ער וועט שוין צאָהלען פאַר דעם לוקסוס און פאַר דעם פערלוסט פון צייט צו קומען יערען מאָנאַט קאָלעקטען, און פאַר אַלעם וואס די טראַנזעקשאָן פאָדערט, פאַר די פּראָפּאָרציע פון פערלוסט וואס דאס פּיאַנאָ געשעפט מאַכט דורך דעם יאהר, און דאן דעם פּראָפּיט.

קומט ער אָבער לייהען 100 דאָלאַר אין דער קרעדיט יוניאַן צו קויפען די פּיאַנאָ, אונטערזוכט די קרעדיט קאָמיטע ערשטענס די מעגליכקייט אָדער די קאָפּאַביליטי צו צאָהלען יערע וואָך, ווער עס וועט מיט איהם צוזאַמען נעהמען די פעראַנטוואָרט־ליכקייט פון פּינקטליכע צוריקצאָהלונג און אויב עס איז פאַר איהם ראַטהזאָם נאָר צו אינוועסטען אין א פּיאַנאָ ווען דער מעמבערשיפּ רעקאָרד צייגט, אַז ער האָט א בּאָי פון 7 יאהר און איינער פון דער קאָמיטע ווייסט, אַז ער איז קראַנק געוואָרען פאָריגעס יאהר מיט שאַרלאַך און פיליינט איז זיין געהער ניט אַזוי גוט, וואָלט בעסער געווען זיך צו בעראַטהען מיט א פריינד, א מוזיקער, און נאָר אָבּלע־גען דאָס קויפען אויף שפּעטער, אָדער פיליינט נאָר ניט קויפען די פּיאַנאָ און בּאָרגען נאָר 20 דאָלאַר צו קורירען דאָס געהער פון דעם קינד, וואס איז וויכטיגער.

א פריינד א דעזיינער מוז האָבען א דיימאָנד רינג צו קענען אויפטרעטען מעהר פערלעסליך אויף א דזשאָב. דער אינסטאָלמענט דזשועלער האָט זיך זיינע רעכנונגען, און די קרעדיט יוניאַן זעהט איין, אַז ער מוז קויפען א רינג נאָר ניט קיין בּילינען און א רינגעל פאַר 50 דאָלאַר צו צאָהלען 75 איז ניט ראַטהזאָם און ער וועט ניט האָבען דאָס וואָס ער דאַרף. די קרעדיט קאָמיטע בּאָרגט איהם 75 דאָלאַר און ער קויפט בעסער א רינג פאַר 100 דאָלאַר.

ווי אויבען ערקלערט מוז דער בּאָרגער קומען צו דער קרעדיט יוניאַן מיט „אָן אָפּען האַרץ און ריינע הענד". די קרעדיט קאָ־מיטע מוז בעשטעהן פון אַנשטענדיגע מענער. דער קרעדיט פון דעם מיטגליעד ווערט פעסטגעשטעלט נאָך זיין כאַראַקטער און וואס מעהר אינפאָרמיישען ער ניט בּיי זיין איינטרעטען אין דער אָרגאַ־ניזאַציאָן אָדער ווען ער דאַרף בּאָרגען אַלץ גרעסער ווערט זיין קרע־דיט.

צווישען די פאַרמערס אין אייראָפּא איז די דאָרפס קאָמיטע

די קאמיטע וואס ווייסט אפילו ווי פיעל ביער אדער שנאפס איוואן טרינקט א וואך, און אויב ער לעבט צופריעדען מיט זיין ווייב, און צי ער האט אבגעשניטען די תבואה אין צייט. זיין כאראקטער איז ווערטה בלויז 40 פראצענט פון דער רייטינג. ווען ער דארף קויפען א פערד בארגט איהם די קרעדיט באנק פון דארף 100 מארק ווייל זיין קאפאבילימי צו צאהלען איז א בעסערע ווי זיין כאראקטער, ווייל ער ערהאלט יעדען מאנאט 30 מארק פענסיאן און דער שרייבער פון קרעדיט קאמיטע איז דער פאסטמאסטער. און אזוי גוט ווי דער דארפסמאן קען זיך העלפען אין זיין דארף, אויב דער שטאדטמאן גיט מעהר אינפארמיישען איבער זיין געזעלשאפטליכען און אפילו פריוואט לעבען, אויב ער איז נאר אן אנערקענטער מענש אין אן ארגאניזאציאן קען ער זיך אויך בעדיענען מיט דער קרעדיט יוניאן ווי דער דארפסמאן.

אויב 6 אדער 7 חברים האבען זיך פערבונדען טריי און ערנסט פאר א פראקטישען צוועק פון זעלבסט הילף, מיט וואס זיינען זיי ערגער פון דעם דארפס בויער? איך בין איבערציינט, אויב יעדער פון די 7 חברים האבען זייער כאראקטער געלאזט אבשאצען נאך די רעגעלן און פרינציפען פון דער קרעדיט יוניאן און האבען אויך בעוויזען, אז זיי קענען וועכענטליך אבצאהלען 10 דאלאר א וואך האבען זיי שוין אין זייערע הענד א ק א פ י ט א ל פון 500 דאלאר, וואס זיי קענען יעדעס מאל בעצאהלען, און אויב זייערע אינדארסערס ווי, צום ביישפיעל, דער לאדזש, חברה, שוהל, אדער יוניאן, האבען אויך גאראנטירט דעם פיימענט בלייבט נאך איבער אויסצוגעפינען וויפיעל האבען זיי זייער אייגענע אבגעשפארטע, און אויב יעדער פון זיי האט בלויז 1% פון דעם, וואס זיי קענען קריגען דורך דעם קרעדיט און זייער קאפאבילימי צוריק צו צאהלען, בלייבט אונז נאך איבער צו בעשאפען זייער קאפיטאל, דאס הייסט, זייערע פערזענליכע אבגעשפארטע אדער דאס, וואס זיי קענען יעדער איינער אליין אין זיין פערזענליכער סביבה שאפען אלס זיין אייגענעם קאפיטאל. פון יעדען ערווארטעט מען נים ווענינער ווי 10 פראצענט פון דעם וואס ער וויל קריגען פון דער קרעדיט קאסע. אין פיעלע פעלע קען זיין, אז דאס וועט מיט דער צייט אויך נים נויטיג זיין, ווייל איך רעכען דעם כאראקטער אלס קאפיטאל נאר אום צו זיין אין אנקלאנג מיט דעם לאנגזאמען גאנג פון ענטוויקלונג וועלכען מיר אנערקענען אין דער רייהע. ערשטענס, דעם

כאַראַקטער; צווייטענס, די קאַפּאַביליטי, און דריטענס, קאַפּיטאַל.

מיר קענען זיין איבערצייגט, אז באלד ווי מיר האָבען דעם ערשטען עלעמענט און דעם צווייטען געשאפען, ווערט דער דריטער אזוי ווי פון זיך אליין געשאפען. דער איינצעלנער ווערט ערמוטהיגט צו א בעסערען, שעהנערען לעבען פון אָבשפּאָרען, אזוי אז ער זאָל קענען אונגעשטערט זיך פיהלען ווירדיג פאר אנערקענונג פון זיינע מיט־חברים, אויב ער דאַרף האָבען זייער אינדאָרסמענטס.

און ווען איין גרופּע פון קרעדיט יוניאנס אין א געגענד איז פערבונדען מיט אנדערע גרופּען און אלע צוזאמען זיינען מיטגליעדער איינער ביי דער צווייטער, אדער ווען מיר פעדערירען דיעזע אַלע גרופּען עי־שטענס אין א לאָקאַלע פעדעראַציאָן, וואו אַלע האָבען איין צענטער און דאן, אַלס פעדעראַציאָנען פון לאַנד, שאפען מיר א גרעסערע קערפּערשאפט פאר די פעדעראַציאָנען, האָבען מיר געשאפען א קליערינג הויז פאר די מיליאָנען פעהיגע און ארענטליכע מענער און פרויען וואס זוכען זעלבסט הילף דורך קאָלעקטיוועו צוזאמען אַרבייטען. דאָס וועט געשעהען און דאָס וועט געטהאָן ווערען מיט דער צייט.

איך מוז ברענגען נאָך א ביישפּיעל. א גרופּע חברים: 6 פיילס־לייט, א דרייווער, א בוכהאַלטער, און אזוי א פּאָר פעהיגע קלוירקס, קענען זיך נים צו שלאָגען צו אנשטענדיגע וויידזשעס און האָבען קיין בעסערע האָפנונג פאר דער צוקונפט. צוזאמען פערמאָגען זיי אָבגעשפּאָרט אין דער קרעדיט יוניאן אין א יאהר צייט, 8 לייטע 1000 דאָלאר. זייער כאַראַקטער האָט די ווערטה יעדער איינציגער פון 75-100% דאָלאר. זייער קאַפּאַביליטי אדער מעגליכקייט צו צאָהלען פון זייערע אינדאָרסמענטס איז אויך אנערקענט אַלס סאָליד, דאן קען זיי די קרעדיט יוניאן געבען אויף זייערע אינדאָרסמענטס אנדערע 1000 דאָלאר און דערביי שיקען די נאָוטס אַלס א לאון צו דער לאָקאַלער פעדעראַציאָן בלויז פאר 750 דאָלאר און וועלכע שיקט זיי צו דער צענטראַל באַנק פאר 500.

און ווען מיר פערגעסען נים, אז יעדער טראַנזעקשאָן פון באַרגען טראָגט מיט זיך ביז 6% און וועלכע דער באָרגער, דער איינצעלנער, פּונקט ווי די גרופּע, קריגט צוריק אַלס קאָאָפּעראַטיווען טהייל, איז לייכט צו בעגרייפען, אז דאָ האָבען מיר צו טהאָן מיט א קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וועלכע שאפט די מיטלען פאר קאָאָפּעראַ־

מיוּוע אונטערנעהמונגען און שליסט אויך ניט אויס שותפות אדער אינדיווידועלע אונטערנעהמונגען אויב זיי זיינען נאָר בעריים זיך אונטערצואווארפען דער קאָנטראָלע און פרינציפּען פון דער קרע־דיט יוניאָן פּאָנדיישאָן.

און וואס איז מכוח פּערלוסטען און צופעלע? דאָס קען מען איצט בעסער פאראויסזעהען ווי מיט 50 יאהר צוריק ווען לוצאטי האָט צום ערשטען מאָל אָנגעפאַנגען צו לייען געלד צו ארימע אר־ביימער בלויז אויף דעם כאראקטער, אלס די איינציגע סעקיוריטע.

און דאָך האָבען פיעלע איטאליענישע ארביימער שוין בעוויזען, אז מען קען זיי אזוי ווייט טרויען, אז די רעגיערונג, דורך די פּאָ־פּולערע בענק, האָט זיי געגעבען צום בויען א גאנצע ליניע אייזענ־באהן נעבען מילאנא און די ארביים איז דורכגעפיהרט געווארען צו דער צופריעדענהייט פון יעדען און צו דער בעוואונדערונג פון דער רעגיערונג זעלבסט.

די גרויסע לאַנד־פראַגע פון צו ברענגען דאָס אונבעזעצטע און אונבעארבייטע מיליאָנען סקווער מיילען פון לאַנד צו דעם אונבעשעפטיגטען מענשען פון דאָרף און שטאָדט און מעהר גרינגער מאַכען די ארבייטסלאָזע פראגע אין סיזען בעשעפטיגונג, קען נאָר געלייזט ווערען מיט דעם בעארבייטען פון די פעלדער אין לאַנד. און אויב דער פארמער קען יע געהאָלפען ווערען אין רוסלאנד, דר־מעניען, דייטשלאנד, ענגלאנד דורך דאָרפישע (רורעל) קרעדיט יוניאָנס, קען אויך דער טענאנט פון דאָרף, וואָס האָט ניט קיין איינען לאַנד, ווי אויך די גרויסע מאַסען אונבעשעפטיגטע, אָדער אונפעהיג צו בעשעפטיגען זיך אין שטאָדט, בעשעפטיגט ווערען אויף דער פארם דורך דער הילף פון די קרעדיט יוניאָנס. וואָס עס פעהלט איז נאָר א ריכטיגע אָרגאַניזאַציאָן פון אונטען אַרויף און אַן עהרליכע לייטונג פון עקספערטען און איבערגעבענע נייע הומאַניטאַריער און קהל'שע מהוער, וועלכע קענען נעבען דאָס בעסטע אין זיי צו לייטען און פיהרען. אויב די רעגיערונג קען געבען דעמאָנסטראַטאָרס צו ווייזען ווי צו האָדעווען עופות, חזרים און בעאַרבייטען די פעלדער צייטוויילינ, קען די צענטראַל־פאַונ־דיישאָן האָבען איהרע עקספערטען צו לייטען, פיהרען און צייגען דעם בעסטען וועג ווי אזוי צו פיהרען די געשעפטען אין וועלכע זי האָט געמאַכט איהרע אינוועסטמענטס. דאָס הייסט ניט בע־הערשען אָדער באַלעבאַטעווען, דאָס הייסט עקספּערט־הילף, ווי

אן ארכיטעקט פאר א געביידע. און אויב אלס א פערזיכערונג פאר די געבארגטע געלדער האלטען די פאלקס־בענק אלע לעגאלע טיטעל־פאפירען, מארטגיידזשעס און דאקומענטען ביי זיך און גיר־בען געזעצליכען ראט צו איהרע מיטגליעדער, דאן קען מען מיט זיכערהייט זיך פערלאזען, אז די פאונדיישאן וועט מיט דער צייט ווערען די גרויסע קלירינג־הויז אין לאנד פאר אלע גרויסע געזעל־שאפטליכע פערבעסערונגען פון דעם איינצעלנעם ווען ער האט ניט אנדערע מיטלען צו קעמפפען מיט די גרויסע פערצווייגטע פראָ־בלעמען פון לעבען, וואס מאבען אזוי שווער די עקזיסטענץ פאר איהם אין דער מאדערנער געזעלשאפט.

---

3

זייט דעם יאהר 1900, ווען די ערשטע קאאפעראטיווע פאלקס־באנק איז געגרינדעט געווארען אין נארטה אמעריקא, אין לואיס קאונטי, אין קאנאדא, פון אלפאנס דע זשארדען, האבען די קרעדיט יוניאנס דא אין די פעראייניגטע שטאאטען אויך אנגעפאנגען צו שפיעלען א ראלע, אבוואהל די ערשטע באנק איז בעשטאנען נאר פון 90 מעמבערס מיט א קאפיטאל פון 28 דאלער, לאזט זיך גאנץ גרינג פערשטעהן פון די אלע פאקטען וואס איך האב ביז יעצט אויסגערעכענט. ווארום איך זעה און פיהל, אז די גרעסטע קאָ־אפעראטיווע און זעלבסט־הילף בעוועגונג וועט זיך אנפאנגען דא אין לאנד אזוי שנעל ווי די פאלקס־באנק פאונדיישאן מיט איהרע פערצווייגטע קרעדיט יוניאנס וועלען זיך פערברייטען פון שטאדט צו שטאדט און פון דארף צו דארף. די געפאהר איז נאר ווען מ׳וועט לויפען בילדען פון אויבען ארונטער, דאן שטעלט מען די געביידע אין געפאהר און מען פערשיעבט די בעוועגונג נאך אויף איינינע יאהר. וואס קלענער די גרופען פון קרעדיט יוניאנס זיינען (דאס העכסטע 100 מעמבערס), איז אלץ בעסער. ווען די מעמבערס זיינען ביי איין ארבייט, אין שאפ, אין פאבריק אדער געשעפט, איז נאך ניט קיין גרויס געפאהר ווען עס זיינען מעהרער, אבוואהל פאר א בעסערען קאנטראל וואלט איך בעסער געוואלט קלענערע סעקשאנס ווי א גרויסע ארגאניזאציאן פון פיעלע מעמבערס אין איין קרעדיט יוניאן.

איך בין איבערצייגט, אז דער ערשטער עקספערימענט קען

געמאכט ווערען מיט אַן אינוועסטמענט פון אַ געוויסען פאָנד, וועלכער זאָל פערוועגדעט ווערען צו העלפען די גרופען פון קרעדיט יר ניאנס, וועלכע וואָלטען זיך געשטעלט אלס אויפגאבע זעלבסט־הילף דורך קאָאָפּעראַטיווען קרעדיט.

איך האָב די ערפאַהרונג, אַז דאָס, וואָס אײנינע אידישע פאַרמערס האָבען געקענט אויספיהרען, קענען נאָך פיעלע אַנדערע אויספיהרען אין אַנדערע צווייגען פון בעשעפטיגונג אויך. איך גלויב, אַז טרייד־יוניאָנס, לאָדזשען, חברות, שוהלען און אַזוי סאָסייעטיס וואָלטען געקענט אויספיהרען צו האָבען זייערע אייגענע סטאָרס און קליינע שעפּער און זאָגאַר פאַרמס אום צו האָבען אַ ביסעל רוה אָדער בעשעפטיגונג זייערע מעמבערס. מיט וואָס זיינען די לעבעדיגע ווינציגער וויכטיג ווי די טויטע, וואָס מען גיט זיי אייביגע רוה און אויך אויף אַן ארט קאָאָפּעראַטיווען איינגעטהום? פאַר וואָס סאַניטאַריומס און סעמעטעריס און ניט קיין געשעפטען, שעפּער און פאַרמס?

ווען יעדע קרעדיט יוניאָן זאָל זיך בלויז אָבגעבען אויסצר זוכען דורך איהרע פערבינדעטע קרעדיט יוניאָנס געלעגענהייטען וואו צו בעשעפטיגען איהרע סייווינגס אָדער דאָס, וואָס איהרע מעמבערס פערלאַנגען אלס צייטווייליגע בעשעפטיגונג, ווי גרויס וואָלט דעמאָלט געווען די נוצען ווען אײניגע הונדערט מענער, פרויען און קינדער וואָלטען געהאַט די מעגליכקייט צו געניסען די פרישע לופט פון פעלד 3 אָדער 4 מאָנאַט אין יאָהר,, צי זיי וואָלטען געקענט קריגען בעשעפטיגונג אין אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג אין אַנדערע געגענדען, וואו זיי קענען זיך נעהמען צו דער ארביים מיט פרישער ענערגיע.

און אויב אין פראַנקרייך און אין איטאַליען שטעהט די שטאַדטישע קרעדיט־יוניאָן אלס קאָמיסיאָנער צווישען פאַרמער און קאָנסומער, ווייל דער פאַרמער טרויט דער פאָלקס־באַנק בעסער ווי דעם פּריוואַט־קאָמיסיאָנער, וואָרום קענען מיר ניט ערוואַרטען, אַז די קאָנסומערס־ליעג פון פרויען, וועלכע ווילען קויפען זייערע פּראָדוקטען דירעקט פון פאַרמער, זאָלען ניט קענען דאָס טהאָן דורך דער קאָנסומער׳ס קאָאָפּעראַטיוו דיסטריביוטערס סאָסייעטי, וועלכע קריגט צרוים איהרע פּראָדוקטען צו פערטהיילען פון דער באַנק וועלכע האָט דעם קרעדיט ביי דעם פאַרמער?

און אויב די גאַנצע אַרמיי פון קליינע און גרויסע מידעלמען

און סטאָקהאָלדערס פון קאָהלען, פלייש און גראָסעריס וועלען חס
ושלום ליידען אין זייערע פערדינסטען אָדער דיווידענדען, ווען
די קרעדיט יוניאָן באַנק וועט שטיצען איהרע מעמבערס צו זעלבסט־
הילף אויף דעם קאָאָפּעראַטיווען אופן אָדער פּריוואַט־אופן, איז
דאָך אויך ניט קיין געפאהר, אז די קרעדיט־יוניאָן פאָונדיישען
וועט שטערן דעם ריכטיגען גאַנג פון אונזער מסחר. פערקעהרט,
זיי וועלען נאָר ליידען אויף אזוי פיעל ווי פיעל דער ארבייטער
ליידט ווען מען פיהרט איין א נייע מאַשינערי. זיי קענען זיך
נעהמען ענטוויקלען די גרויסע שטרעקעס ניט־בעאַרבייטע לאַנד,
וועלכע מאַכען אזוי טהייער אונזערע לעבענס־מיטלען. 10 גראָסע־
רײַליים און 5 בוטשערס האָבען מעהרער זייער איינענס ווי 100
ארבייטער אָבוואָהל אלע ארבייטען שווער. פונקט ווי אין אייראָפּאָ
האָבען די, וועלכע זיינען געווען פעהיגער און ניט געהאַט די מיט־
לען, איבערצושטעהן א נייע עקאָנאָמישע ענדערונג, געמוזט עמיג־
ריען זוכען נייע פלעצער, מוזען דאָ די קליינע ביזנעס־לייט, וועלכע
זיינען אונבעוואוסט אין די הענד פון די גרויס־פערבינדעטע קאָמ־
ביניישאָנס, זיך בעפרייען דורך א נייע ארט עמיגראַציאָן דאָ אין
לאַנד גופא, זוכענדיג נייע פלעצער און נייע טהעטיגקייטען.

עס האַלט נאָך ניט דערביי, אָבער די צייט איז ניט ווייט,
ווען די מענער און פרויען פון פאָלק וועלען פערשטעהן, אז די
איינינקייט אין פאַבריק און אין שאָפּ מוז געהאָלפען ווערען דורך
אַן אנדער איינינקייט פון שפּאָרזאַמקייט אין איינענעם פאָלקס־
קרעדיט באַנק פון איין זייט און פון דער צווייטער, אז דער קאָנסום
פון דער פאַמיליע איז אויך אַן ארבייט וועלכע דאַרף אָרגאַניזירט
ווערען צום בעסטען פון די, וועלכע ארבייטען ביי דעם קאָנסום.
ניט קיין רויטע און געלע קופּאָנס וויל דער קאָנסומער נאָר א ריכ־
טיגען טהייל פון דעם, וואָס ער האָט געהאָלפען דעם כלל שאַפען
און קאָנסומירען. אויב א פאַמיליע האָט קאָנסומירט א יאָהר $1500
פּראָדוקטען פון איין געוועלב אָדער מעהרערע, דאָס איז ניט קיין
אונטערשיעד. געלד קען נאָר פערדיענען ווײדזשעס פאַר דער אר־
בייט ווי פיעל געלד איז ווערט אין מארקעט. סאַלערי פאַר א
מענשען ווערט פעסטגעשטעלט פון דער יוניאָן אָדער דעם אָפענעם
מאַרקעט; דער פּרייז פון דעליווערי איז פערקלענערט ווייל די
מעמבערס פון דער קרעדיט יוניאָן אין קאָנסומערס ליעג ווייסען,
דאָס ז י י זיינען ד י, וועלכע קריגען דעם פּראָפיט נאָך זייער

קאָנסום. אזוי פיהלט יעדער, אז ער ארבייט פאר זיך און פאר זיין אייגענעם וואָהלזיין.

צי די קרעדיט יוניאָן וועט העלפען אין דעם קאָאָפעראַטיווען אונטערנעהמונגס־גייסט וואָס ענטוויקעלט זיך שטארקער און שטאַרקער, האָט היינגט אָב פון דער אלגעמיינער בעוועגונג פאר א קאָאָפעראַציאָן. די מיליאָנען דאָללער, וואָס די פארמערס פערלירען יעהרליך ביי די קאָמישאָן סוחרים איז שרעקליך, און דאָך האַנדלען דיזע לייטע אויף קרעדיט־כאַראַקטער, און ווען יעדע קרעדיט־יוניאָן וועט וויסען פון פריהער ווער איהרע דיסטריבוטערס און קאָנסומערס זיינען, וואָס פאר פראָדוקטען זיי קענען געברויכען און ווי פיעל, קען דער פארמער, פאבריקאנט און שאפ קיפער גאַנץ זיכער זיין אז יעדער געשעפטליכער אָבשלוס איז פונקט אַזוי זיכער ווי מיט א נעשאָנאַל באַנק.

און ווען מיר האָבען ערדייכט צו האָבען אונזער פעדערייזשאָן פון קרעדיט־יוניאָנס צו שאפען די דיסטריקט פאָלקס־בענק, קענען מיר מיט זיכערהייט זאָגען אז דאָס קליינגעלד פון דער צענטראַל־באַנק קען ווערען א גרויסע געלד־מאַכט און דאָך קאָנטראָלירט דירעקט פון פאָלק. אַזאַ באַנק, מיט איהרע ברענטשעס, וועט קענען קאָלעקטען די דיוס פון יעדען מעמבער פון א יוניאָן, לאדזש אָדער חברה דורך איהר סיסטעם פון סטעמפ־קאָלעקשאָן, ווען א קאָנטראָל איבער די ארויסגאַבע פון דיוס סטעמפס וועט געמאַכט ווערען נאַציאָנאַל יוניפאָרם. די ערשפּאָרטע ארבייט אין קאָנטראָלס וועט זיין א פיעל בעסערע. יעדע קרעדיט יוניאָן קען שוין היינט אויך טהאָן די ארבייט פון קאָלעקטען פון איהרע מעמבערס ווען זיי קומען מאַכען זייערע וועכענטליכע סייווינגס אָדער צאָהלונגען.

ווי אזוי קען מען אָרגאַניזירען א קרעדיט יוניאָן באַנק? דאָס וואָרט באַנק שטעהט אזוי ווי א שרעק־וואָרט פאר דעם וואָס דרינגט נים אריין אין דער בעדייטונג פון וואָרט; נאָר אויב מיר פערלירען די גרויסע שרעק און טיעפען דרך־ארץ פאר די גרויסע און מעכטיגע בילדינגס, פערשטעהען מיר אז א באַנק איז נים די בילדינג און אויך נים גרויסע און מעכטיגע בעאַמטע און פערפוצטע קלויִרקס. א באַנק איז אן אנשטאַלט צו הענדלען געלד, ווי א גוטער סוחר הענדעלט אן אנדער סחורה. די הויפט־זאַך איז, אז אין א באַנק מוז מען זיך רעכענען מעהר מיט דעם מענשליכען כאַראַקטער און מיט זיינע שוואַכע זייטען, ווי אין אירגענד אן

אַנדער פּלאַץ. מיר דאַרפֿען נאָר פֿערשטעהן די פֿונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, וועלכע בלייבען דיזעלבע, אויב די באַנק איז אין וואָלל סטריט צי אין אַ רום אין אַרטשאַרד סטריט, אָדער אין אַ מיטינג לאָקאַל אין האָלל.

7 אָדער 9 פּערזאָן קענען זיך צוזאַמענגעהמען, אויב זיי מאַכען ביי זיך אָב צו שפּאָרען יערע וואָך אַ געוויסע סומע און דאָס אָוועקלייגען צוזאַמען אויף איין נאָמען, זאָלען מיר עם רופען „פּרענדס אייד סאָסייעטי", און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך קלאָר געמאַכט אין די אַלע פּראָבלעמען פון אַ קרעדיט־יוניאָן און אויף וויפיעל קרעדיט אַ יוניאָן קען זיי העלפען אין זייער טעגליכען לעבען, קענען זיי מיט דער הילפע פון בענקינג דעפּאַרטמענט אַרויסקריגען אַ טשאַרטער. קיין לאָיערס איז ניט נעטהיג, אויב איהר קריגט פון דער סיידזש פאָונדיישאָן זייער ליטעראַטור קריעגט איהר אַלע איינצעלהייטען אומזיסט. איך האָב אָרגאַניזירט קרעדיט־יוניאָנס וואָס האָט ניט געקאָסט מעהר פון 5 דאָלער. די ביכער פאַר דעם אָפּיס קאָסטען שוין לויט דער מעמבערשיפּ.

דער הויפּט־אינטערעס אין דער הילפע וואָס די פאָונדיישאָן גיט, איז צו האָבען איבער דעם גאַנצען לאַנד אַ יוניפאָרם סטאַנדאַרט פון בוכהאַלטעריע און אַ סאָרט פון קאָנטראָל איבער דער אַרט טהעטיגקייט, זי מישט זיך אָבער ניט אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון זייער פינאַנציעלע טהעטיגקייט.

די מעהרסטע קרעדיט יוניאָנס אין די פעראייניגטע שטאַטען זיינען אָרגאַניזירט אין מאַסאַטשוזעטס סטייט, וואו זיי מאַכען דורך אַ קאַמפּף פון עקספּערימענטען.

צווישען אידישע פאַרמערס איז אויך פאַרהאַן איינינע קרעדיט יוניאָנס, וועלכע, פונקט אַזוי ווי די אַנדערע קרעדיט יוניאָנס גיבען זיך אַם מייסטען אָב מיט בלויז באָרגען געלד צו זייערע מעמבערס אוף קליינע פּראָצענטען. די אַרט קרעדיט־יוניאָנס, וועלכע איך ערוואַרט צו זעהן אָרגאַניזירט אונטער דער נייער אַרט בעוועגונג, קענען פיעל לערנען און ערפאַהרען פון די עקזיסטירענדע קרעדיט־יוניאַנס, צו וועלכע מר. אַרטור ה. האַם, דער דירעקטאָר פון די לאָאַן דיוויזשאָן פון דער סיידזש פאָונדיישאַן, האָט פיעל ביי־געטראַגען. ער האָט סיסטעמאַטיזירט די אַרבייט פון די קרעדיט יוניאַנס און האָט פיעל געהאָלפען זייער ענטוויקלונג אין די פעראייניגטע שטאַטען.

## 4.

אין 1913, ווען די סטייט לעדזשיסלייטשור האָט בעדאַרפט דורכפיהרען דאָס ערשטע געזעץ פון קרעדים יוניאָנס א דאַנק דער אַרביים פון דער סיידזש פאָונדיישאַן דורך מיסטער האַם, און די אידישע פאַרמערס פעדערייטשאָן דורך מיסטער ראָבינזאָן, איז דאָס געזעץ אָנגענומען געוואָרען. דאָס געזעץ רעגולירט די טהעטיגקייט פון די קרעדים יוניאָנס, אויב זייערע ביי־לאָוס ווערען אויסגעאַרביים לויט דעם פריימער וואָס די פאָונדיישאָן גיט פריי, און מיר גיבען דאָ איבער די ביי־לאָוס וואָרט ביי וואָרט אין אידיש. דאָן קען מען קריגען א טשאַרטער פון בייגקינג דעפּאַרטמענט, וועלכע מאַכט פון יעדער קרעדים־יוניאָן אן ארט פאָלקס־באַנק.

דאָס איז געטהאָן געוואָרען נאָך דעם ווי אלע פילאַנטראָפּישע מהוערס האָבען איינגעזעהען, אז עס איז גרינגער צו העלפען דעם, וואָס שטעלט זיך אין דער ברויט־ליין אָדער סופּ־קיטשען. וואָס איז אָבער צו טהאָן מיט דעם אונבעשעפטיגטען, וועלכער נעהמט מיט דעם ווייסען קאָלער און האָט א פּיאַנאָ אין הויז און נוטע פאַרניטשור פון זיינע אָבשפּאָרונגען און קען ניט קומען צו דער ברויט־ליין אין סופּ־קיטשען? דאָס איז געווען מיין פראַגע צו דער קאָמיטע. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל אויפגעטרעטען און דערלאַנגט מיין אָבהאַנדלונג איבער דער קרעדים־יוניאָן, ווי איך פערשטעה איהר שטרעבונג און אויפגאָבע.

די פראָבלעמע מוז געלעזט ווערען נאָר פון פאָלק און פון איהרע פאָלקס אָרגאַניזאַציאָנען, חברות, שוהלען, לאָדזשען, סאָסייעטים, יר־ניאַנס א. ז. וו.

די יוניאָנס קענען פיעל געהאָלפען ווערען אין זייערע קעמפּפע ווען ביי יעדער יוניאָן זאָל זיך געפינען אויך א קרעדים יוניאָן.

שטעלט אייך פאָר, ווען די קלאָוק מייקער יוניאָן אין איהר גרויסען סטרייק וואָלט געהאַט לאָקאַל קרעדים יוניאָנס אין א סענטראַל באַנק פאַר איהר אבטהיילונג און וואָלט געהאַט בלויז 10,000 בעצאָהלטע שעהרס פון איהרע מעמבערס, וואָלט מען אין קאַרנעגי האָלל נים געדאַרפט אַפּעלירען צו די געלד מאַגנאַטען פאַר טשאַריטי נאָר מען וואָלט געדעדט ווי מענער פון אַרביים, וועלכע שעצען אָב דעם כאַראַקטער און קאַפּאַבילימי פון זייערע מעמבערס אלס א קאַפּיטאַל, און האָבענדיג אין האַנד זייער איינענעם פאָנד אלס

אַפּענינג אַקאונט, און דאַן שאַצענדיג יעדענס יוניאַן ביכעל פאַר 5 דאָלאַר אין דורכשניט, וואָלטען דאַן די ארבייטער רעדנער פער־לאַנגט דאַס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער קלאַס ביי זייערע פריינד, די עטהישע און הומאַניטארישע געלד־מענשען, א צוטרוי פון קרעדיט און ניט פון צדקה.

אויב א באַנקראָטירטע אייזענבאַהן מעג ווערען פינאַנסירט פון א באַנק מאַננאַט, מעג א גענעראַל סטרייק אויך ווערען פינאַנסירט דורך א הלואה, אויב ניט זיכערער, און אַנעהמען דעם קאָלעקטיווען קרעדיט פון דער אָרגאַניזאַציע אַלס א סעקיוריטי.

האָפּענטליך וועט מען דאָס טהאָן. איך און אַנדערע האָבען געוואָלט העלפען דאָס דורכפיהרען אין צייט פון סטרייק, עס איז אָבער געווען פערבונדען מיט אייניגע שוויריגקייטען, וועלכע וואָל־טען געקענט אויסגעמייטשט ווערען פאַלש אין צייט פון קאַמפף.

איך האָלט מיך ביי דעם איינפאַכען פּרינציפּ וואָס איך האָב געטראָפען ביי מיינע פריינד די קורדען און די מאַלאַקאַנעס און די פריענדלי סאָסייעטיס וועלכע לוצאַטי האָט גענומען אַלס מוסטער, אז דער איינציגער קאַפּיטאַל איז נאָר דער כאַראַקטער, אַבגעזעהען פון אַלע אנדערע בעדינגונגען. דאָס שווערסטע איז אָבער פעסט־צושטעלען דעם כאַראַקטער פון דעם איינצעלנעם. אין א קליינער גרופּע איז דאָס מעגליך דורך דעם געזעלשאַפטליכען אינסטינקט און אָבשאַצונג וואָס יעדער ניט דעם צווייטען. אין א גרעסערער גרופּע מוז מען שוין אויסארבייטען רעגעלען.

יעדע אָרגאַניזאַציאָן קען זיך האָבען איהרע רעגעלען און סטענדאַרדס אָבער איצט האָבען שוין אייניגע קרעדיט יוניאַנס פעסטגעזעצטע רעגעלען, צום ביישפּיעל: די קרעדיט יוניאַן פון דער עדיסאָן עלעקטריק קאָמפּאַני פון באָסטאָן שלאָגט פאָר אַן אָבשאַ־צונג פון א מעמבערס קרעדיט זעהר א גוטען פּלאַן פון א סטענד־אַרד וועלכען קען פערגרינגערט אדער פערמעהרט ווערען נאָך די אומשטענדען. דאָך זיינען דאָ אייניגע פראַגע, וועלכע יעדער מעמ־בער מוז בערייט זיין צו ענטפערען איידער נאָך ער וויל זיך בענוצען צו קרינען עטוואָס געבאָרגט פון דער קרעדיט יוניאַן נעמליך:

1) ווי לאַנג ארבייט איהר אין אייער יעצטיגען פּלאַץ?
2) ווי לאַנג האָט איהר געאַרבייט אין אַן אנדער פּלאַץ?
3) ווי לאַנג וואָהנט איהר אין אייער וואָהנונג?
4) וואו האָט איהר געוואָהנט בעפאָר?

5) זייט איהר א מעמבער פון אַן ארגאניזאציאָן?
6) האָט איהר געלד געסייווט יעצט אדער פריהער?
7) האָט איהר אינשורענס?
8) ווי גרויס איז אייער פאמיליע?
9) האָט איהר בעלאנגט צו א לאון פאָנד אדער געבאָרגט געלד פריהער?

ווי עס איז צו זעהן, קען מען מאכען אַזוי פיעל פראגען ווי פיעל מען געפינט פאר נויטיג, אדער זיך גאָר אין גאנצען בעגעהן אָהן פראגען. עס הייגגט אָב אַן דעם אפליקאנט און אָן דער קרעדיט קאָמיטע.

אָבער איך האַלט, אז יעדער מעמבער פון א קרעדיט יוניאָן, ווען ער טרעט אריין אין דער אָרגאניזאציאָן, זאָל זאָפאָרט אויס־פילען זיין „רייטינג", כדי די קרעדיט יוניאָן זאָל גענוי קענען אָב־שאַצען וויפיעל קאָלעקטיוועז פערמעגען־כאראקטער זי פערמאָגט. נעהמט, צום ביישפיעל, א קרעדיט יוניאָן פון מאשיניסטען, וועלכע האָט אין איהר קאסע בלויז 50 בעצאָהלטע שעהרס, וועלכעס איז אלס „קאפיטאל כאראקטער" ווערטה 5000 דאָלאר. דאן קען זייער קרעדיט יוניאָן ביי דער צענטראל באנק קריעגען געליהען אויף דער פערזיכערונג פון דער קרעדיט יוניאָן מעמבערשיפ, ביז 4000 דאָ־לאר.

נעהמט ווידער א גרופע פון 50 שרייבער אדער קינסטלער, וועלכע האָבען בעצאָהלט פאר זייערע שעהרס 1000 דאָלאר און זייער אָבשאַצונג פון קאפיטאל כאראקטער, דורך זייער ניט סטעדי בע־שעפטיגונג און ניט זיין קיין מעמבערס פון קיין אָרגאניזאציאָן אדער ניט וואָהנען לאנג אין איין פלאץ, איז זייער קאפיטאל כא־ראקטער בלויז ווערטה 2000, קענען זיי בלויז קריגען 1600 דאָ־לאר אין דער קרעדיט יוניאָן. דאָס צייגט שוין, ווידער ווי נויי־טיג עס איז פאר איין גרופע צו ערשפּאָרען מעהר געלד ווי די אַנ־דערע.

דורך דעם קרעדיט יוניאָן סיסטעם וועט מען מיט דער צייט זיין אימשטאנד צו האָבען רעקאָרדס פון יעדען פערזעהליכען מענ־שען אַזוי ווי דער געלד מארקעט האָט אין דאָנ'ס אדער ברעד־סטריט'ס. איך קען גענוי ניט פאָראויסזאגען ווען דער גאנצער פלאן וועט אויסגעארבייט ווערען, אָבער ווען ער וועט אויסגעאר־בייט ווערען וועט די פאונדיישאָן פון דער הויפט באנק פון די

פעראייניגטע שטאַטען זיין דאָס גרויסע נאַציאָנאַלע קליערינג הויז פון די מאַסען אָרגאַניזירטע מענער און פרויען. אז א מעמבער פון קאַליפאָרניא וועט קענען קריגען זיין רייטינג פון סאַן פראַנציסקאָ דאָ אין ניו יאָרק פיעל גרינגער ווי ער קריגט א הלואה אין א רעמידיעל לאָאַן סאָסייטע אָדער אפילו אין גמלות חסדים, וועלכע זיינען היינט צו טאָג זעהר גוטע און נוצליכע אינסטיטושאָנס. די ערשטע אלס א געלד געשעפט און די צווייטע אלס א צדקה אנשטאַלט.

וואס איך ערוואַרט צו זעהען איז די שטאַרקיים פון מענשליכען צוטרויען צום מענשען, וועלכע מוז אומבייטען דעם „ליעבט אייער חבר" אויף „טרויט אייער חבר."

איך רעכען זיך מעהר מיט דעם וואס עס דאַרף ערשט געטהאָן ווערען אויף צוזאַמענצושטעלען דעם בנין אָבוואָהל די ציעגעל און ליים ליעגען שוין צו דער האַנד.

---

### .5

ווען די נאַציאָנאַלע קרעדיט יוניאָן באַנק וועט עטאַבלירט ווערען פון א קרעדיט יוניאָן פאַונדיישען, וועלכע מוז זיין אַן עטישהומאַניטאַרישע אינסטיטוציאָן, ווייט פון פּאָליטיקס און פון צדקה, ווייל זי דאַרף האַנדלען מיט דעם קאָלעקטיווען געוויסען פון איהרע דיסטריקט בענק און אינדירעקט מיט די אלע איינצעלנע גרופּען קאַפּיטאַליזירט אין מענשליכען כאַראַקטער און געוויסען.

זיי דאַרפען פיגורירען אלס די טראַסטיס און העכסטע ריכטער צווישען די דיסטריקט בענק און די איינצעלנע מעמבערס פון די גרופּען קרעדיט יוניאָנס ווייל אונטער קיינע אומשטענדען קענען די מעמבערס נים געהן אין קיין קאָורט ביז די דיסיזשען איז ארויסגעגעבען פון דער נאַציאָנאַל באַנק. ווייל געהן אין קאָורטס הייסט א באַנקראָט פון העכסטען פערמעגען פון איינצעלנע. מאָראַלער באַנקראָט, וואָס איז ביי די קרעדיטיסטען פיעל ערגער ווי געזעצליכער באַנקראָט.

די נאַציאָנאַל באַנק, האַלטענדיג די טייטעלס צו אַלע אייגענטהומס און פערמעגענס וואס די דיסטריקט בענקס שיקען איהר אלס סעקיוּריטי פאר איהר 50 פּראָצענט אינוועסטמענט, האָט דאָס לעצטע וואָרט צו ראַטהען אויף וועלכער אַרט און ווייזע אַן אינוועסט-

מענט וואס איז געמאכט געוואָרען זאָל צוריקגעצויגען ווערען, רע־אָרגאַניזירט אָדער פערגרעסערט ווערען.

דערביי ציינט זיך ארויס, אז די פאונדיישאָן מוז האָבען איהר איינענעם סטעף פון ביזנעס עקספערטען וועלכע גיבען עצות ווען מען פערלאַנגט, פונקט ווי דער דעפּאַרטמענט אָף אגריקולטשור טהוט עס היינט פאר די פאַרמערס. פאר וואָס איז דער שטאָרס מענש, וועלכער קעמפפט פיעל שווערער ווי דער פאַרמער, איבערגעלאָזט אויף הפקר צום ערשטען בעסטען שווינדלער און אד־ווערטייזער?

די דיסטריקט בענקס, האָבענדיג זייערע אָרגאַנייזערס און פאָך־לייט, שטעלען צו מענערזשערס און געשעפטס־פיהרער דאָרט וואו עס פערלאַנגט זיך פון א גרופּע קאָאָפּעראַטיווע ארבייטער, און דאָן האָט די דיסטריקט־באַנק א וואוט אין דער מענערזשמענט און איבערזיכט אויף די אינוועסטמענט אינדירעקט. די קאָאָפּעריטאָרס קענען אָבער אוך צוריקווייזען דעם מענעדזשער מיט % וואוטס, אויב די פאָונדיישען פראָטעסטירט ניט דאגעגען. די הויפּט־אויפגאַבע פאר דעם ציעל איז זעלבסט־הילף דורך גענענזייר־טיגע הילף, און וואָס מעהר די קאָאָפּערייטאָרס אָדער פּאַרטנערס קענען זיך איינפערשטעהן דורך א דעמאָקראַטישער פערוואַלטונג, ניט צו שטעלען אין געפאהר די געבאָרגטע פאָנדס, אַלץ שנעלער וועט מען צוריקציהען דעם קאָנטראָל פון אויסערע אינסטיטושאָנס, אָבוואָהל טרויען איינער דעם צווייטען איז דער גרונד־פּרינציפּ. און דאָך זאָל מען ניט דענקען, אז דאָס איז א הפקר־בעוועגונג. ניין, דער פרינציפּ איז „כבדהו וחשדהו", ווי אין געשעפטליכע פער־העלטניסע, אימער זיך רעכענען מיט דער שוואכער זייט פון דער מענשליכער נאַטור, ווייל יעדע איינצעלנע בעשעפענים זוכט ערש־טענס זיך און צווייטעס וואָס גרינגער מאכען דעם קאַמפּף פון לעבען אין לייגען דעם דרוק אויפ'ן צווייטען.

די גענענזייטיגע הילף פון דיעזע בענק מוז היטען קאָנטראָל און דיסציפּלינירטע, סיסטעמאַטיזירטע מהעטינקייט. עס מעג זיך זיין אז אין אונזער נשמה איז דאָ א העליש פייער פאר דעם פרייען און ערהאָבענעם ארט פון פערהעלטניסע, מיר קענען אָבער ניט שטעלען אין געפאהר דאָס, וואָס מיר דארפען שוין, פאר דעם, וואָס אונז ווילט זיך זעהען ערדייכט שפּעטער.

היינט צו טאָג האָבען מיר בלויז צוואָוואָרפענע איבער דעם

גאַנצען לאַנד גרופּען פון קרעדיט יוניאָנס. וואָס מיר דאַרפען שטרע־בען צו ערדייכען איז פאָלגענדעס:

א) קרעדיט־יוניאָן ענדוימענט פאָנד אלס א נאַציאָנאַלע זעלבסטהילפס־אָרגאַניזאַציאָן מיט א קאַפּיטאַל וועלכער ווערט ביי־געטראָגען פון די מענשען וועלכע גלויבען אין קאָאָפּעראַציאָן און זעלבסטהילף פאר די מאַסען אָבצושאַפען ארבייטסלאָזיגקייט און ברענגען מעהר די מאַסען אין בעריהרונג מיט לאַנד־ארבייט און מאַכען פון יעדען איינוואָהנער אז ער זאָל זיך פיהלען א מעמבער פון א גרויסער נאַציאָן.

ב) דער באָארד אָף קאָנטראָל, עפּישענסי און ווידזשילענס אלס א טהייל פון דיעזען פאָנד, וועלכע ווערט אָנגעשטעלט פון דעם פאָנד אלס מאַשעל וואָרקערס עקספּערטס מיט פּראַקטישען פערשטאַנד.

ג) די דיסטריקט בענק, דער קאַפּיטאַל פון וועלכער קומט פון די שעהרס, וואס די קרעדיט יוניאנס אלס א גרופּע קויפען און וועלכע ווערט אויך א מעמבער אין דער נאַציאָנאַל־באַנק.

ד) דער דיסטריקט קאָנטראָל באָארד אָף עפּישיענסי, וויד־זשיל און קאָנטראָל.

ה) די קרעדיט־יוניאָן גרופּע.

דאָס איז די ברייטע מעמבערשיפּ פון איינצעלנע מעמבערס פערבונדען אין א קרעדיט־יוניאָן אָדער פאָלקס־באַנק.

אָבוואָהל אַלע געלדער פון די קרעדיט־יוניאָנס ווערען געגע־בענט מיט פּראָצענט, וועלכע די מיטגלידער קריגען אויסגעצאָהלט צוריק אלס א קאָאָפּעראַטיווען שעהר, דאָך קריגען קיינע בעאַמטע בעצאָהלט פאר זייער ארבייט. ביז די בעוועגונג וועט ניט ווערען א נאַציאָנאַלע בעוועגונג וועט קיין איינציגער ניט קריגען בע־צאָהלט, און ווען מען וועט יא איינפיהרען צאָהלען פאר אַן אמט, וועט עס מוזען זיין לויט דעם מינימום סקייל און ניט נאָך א מאַקסימום, ווייל דיעזע בעוועגונג וויל ניט שאַפען קיין בעאַמטענ־טהום און אַפּיס־זוכעריי, זי וויל מיט די קלענסטע אויסגאַבען מעג־ליך ארויסקריגען די ערשפּאַרטע ענערגי וועלכע די מאַסען פער־לירען דורך אוננוצליכע אויסברענגעריי און לוקסוס אין אַלע צווייַ־גען פון לעבען און פאר וועלכע די מאַסען אליין צאָהלען און ליידען. איינפאַכקייט, שפּאַרזאַמקייט, זעלבסט־הילף, מענשליכע בעפרייאונג דורך געגענזייטיגע הילף אויף אַלע וועגען צום פּראָגרעס.

# דער אלף בית פון קרעדיט יוניאָניזם לויט פראַגען און אנטוואָרטען נאָך דעם ענגלישען פריימער ארויסגעגעבען פון דער ראָסעל סיידזש פאָונדיישאָן.

---

## וואָס איז אַ קרעדיט יוניאָן?

אַ קרעדיט יוניאָן איז אַ קאָאָפּעראַטיווע פערבינדונג וועלכע האָט אלס צוועק:

ערשטענס, צו ענטוויקלען דעם געפיהל פון שפּאָרזאַמקייט בחברותא צווישען זייערע מעמבערס.

צווייטענס, צו העלפען איינער דעם צווייטען מיט געלד־מיט־לען אין צייט פון נויטווענדיגקייט דורך דעם קרעדיט וואָס זיי פערשאפען.

## וואָס קענען די קרעדיט יוניאָנס אויפטהאָן?

די קרעדיט־יוניאָן, דורך דעם אָנקויפען פון שערס פון איינ־צעלנע פערזאָנען, גיט די מעגליכקייט צום שפּאָרען און ענטוויקעלט דעם בעגריף פון געלד־ווערט אלס אַ מיטעל פון קאָלעקטיווען איינ־וועסטמענט דורך דעם וואָס די קליינע ערשפּאָרניסע ווערען אויך אויך אַ געזעלשאפטליכער פאקטאָר אין די הענד פון זייערע אייגענע בעלי־בתים.

2) די קרעדיט־יוניאָנס שאפען די געלד־מיטלען פאר קאָ־אָפּעראַטיווע פּראָדוקטיוו־אונטערנעהמונגען און אויך פאר קאָנסום־פעראיינען, און אויך די מיטלען פאר זעלבסט־הילפע פאר דעם איינצעלנעם.

3) שאפט אָב אָדער העלפט אָבשאפען די גרויסע הויט־שינ־דעריי פון די פּראָצענטניקעס און לערנט די ווערט פון אַ ביזנעס־מעטאָדע אין דעם לעבען פון די יענינע וועלכע זיינען ווייט פון אַ גרינדליכען פערשטעהן פון ביזנעס מעטהאָדען, וועלכע זיינען אזוי וויכטיג ווי טעכנישעס וויסען.

4) צו ענטוויקלען די געזעלשאפטליכע פעראַנטוואָרטליכ־קייט און ערציהען צו אַ בעסערען פערשטענדניס פון דעם וואָס געהט פאָר אין דער געזעלשאפט דורך דער מאכט פון געלד, און

שטרעבט צו אַ פאָלק־קאָנטראָל דורך די קאָאָפּעראַטיווע בענק פון קרעדיט־יוניאָנס.

## וואָס זיינען די הויפּט־יסודות פון קרעדיט־יוניאָנס?

די הויפּט־יסודות פון קרעדיט־יוניאָנס זיינען: שנעלע און זאָפאָרטיגע פון דער גרופּע פאַר דעם איינצעלנעם, גלייכע שטימ־רעכט אין דער פערוואַלטונג, דעמאָקראַטישע יסודות אויף יעדען געביעט, „איין מענש, איין ווֹאוט", אָבגעזעהען פון דעם אינוועסט־מענט אַלס שעהר־האָלדער.

## ווי פיעל מענשען קענען זיך אָרגאַניזירען אין אַ קרעדיט יוניאָן?

קיין פאָרגעשריבענע רעגעלען זיינען ניטאָ; מעהרערע פריינד, בעקאַנטע צווישען זיך קענען אַ קרעדיט־יוניאָן גרינדען.

אין די סטייטס, וואו עס זיינען שוין דאָ געזעצליכע פאָר־שריפטען, דאַרפען מוזען שוין זיין אַ בעשטימטע צאָהל פון איינ־קאָרפּאָראַטאָרען.

## וועלכע זיינען די בעסטע כללים פאַר מעמבערשיפּ?

איין גרויסער כלל איז דער כאַראַקטער פון דער איינצעלנער פערזאָן. דערפאַר מוזען זיך פערבינדען: ערשטענס, פריינד, בעקאַנטע פון איין שאָפּ אָדער סטאָר, חברה פון איין יוניאָן און זאַנאַר פון איין הויז, און שפּעטער־הין פון איין בלאָק, ווען זיי האָבען אַ געמיינשאַפטליכען אינטערעס, אָדער ווען זיי שאַפען פאַר זיך אַזאַ אינטערעס פון געמיינשאַפטליכע טהעטיגקיים. אָבער יעדע איינצעלנע פערזאָן מוז אַריינגענומען ווערען נאָר דאַן ווען זי בעוויזט איהר פאַסענדען כאַראַקטער פיר אַן ערנסטען צוזאַמענ־אַרבייטען.

## ווי גרויס קען אַ קרעדיט־יוניאָן זיין?

עס איז שווער צו בעשטימען ווי גרויס, ווייל דאָס ווענט פיהרען צו קליקס. אָבער בעסער אָנפאַנגס קליינע גרופּען פון בעקאַנטע, פערבינדעטע, ווי גרויסע גרופּען פון אונבעקאַנטע מאַ־סען. ווייל אין אַ קליינער גרופּע אינטערעסירט זיך יעדער מיט דער אַרבייט; אין אַ גרויסער גרופּע בלייבט די אַרבייט ביי די אָפיסערס, און דאָס פיהרט שוין ניט צו דעם וואָס מען שטרעבט: זעלבסטהילפע דורך געמיינשאַפטליכע טהעטיגקייט פון דער

גרופּע, און אַ בעסרע קאָנטראָלע איבער דעם איינצעלנעם. אין אַ דאָרף אָדער קליינשטעדטעל קען שוין יאַ אַמאָל מעגליך זיין אַז אַלע זאָלען זיך פערבינדען אין איין קערפּערשאַפט; אָבער אין אַ גרויסען צענטער איז די פערזענליכע בעקאַנטשאַפט דער הויפּט־פאַקטאָר. בעסער זאָלען זיך די גרופּען נאָך אַ געוויסע צייט פון עקזיסטענץ, לאָמיר זאָגען אַ יאָהר אָדער צוויי, נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין דורכגעגאַנגען די עקספּערימענט־שטופע, פערבינדען אין פעדעראַציאָנען. אָבער מאַכען גרויסע אָרגאַניזאַציאָנען מיט ברענטשעס און סוב־דיוויזיאָנען — דאָס קען זיין שעדליך פאַר דער בעוועגונג.

## ווי פיעל שעהרס מעג מען פערקויפען איין מעמבער?

עס איז ניט פאָרגעשריבען פון קיין אויטאָריטעט ווי פיעל שעהרס מען קען פערקויפען, נאָר עס איז ראַטהזאַם אַז מעהר ווי אַ געוויסע צאָהל זאָל מען ניט פערקויפען, ווייל דער רייכטהום פון אַ שעהרהאָלדער קען האָבען אַן אינדירעקטע ווירקונג אויף דער אָרגאַניזאַציאָן, אָבוואָהל יעדער מעמבער האָט נאָר איין שטי־מע, אָבגעזעהען פון זיין פערמעגען אין שעהרס.

## ווי פיעל זאָל זיין דער פּרייז פון אַ שעהר?

עס איז ראַטהזאַם צו מאַכען ווי בילינ, ווענינסטענס 5 דאָלער, און געבען אַ מעגליכקייט דאָס אָבצוצאָהלען אין קליינע וועכענטלי־כע אָבצאָהלונגען.

## ווי פיעל זאָל זיין די איינטריטס־געלדער אין אַ קרעדיט־יוניאָן?

דאָס קען די מעמבערשיפּ בעשטימען. ווייל פון די פערקויפ־טע שעהרס קען מען ניט מאַכען קיין עקספּענסעס, און דערפאַר איז נויטיג איינטריטס־געלד זאָל פערלאַנגט ווערען.

מען מוז האָבען אַ סעט ביכער, אַ מיטינג לאָקאַל און דאַן קען דאָס איבעריגע בלייבען אין דעם רעזערוו־פאָנד. אויך איז נויטיג צו פערלאַנגען איינטריט־געלד צוליעב דעם ווערט פון שעהרס; ווייל אויב די שעהרס זיינען געשטיגען אין ווערט, מוז דער נייער־אריינגעטראָטענער מעמבער צוצאָהלען מיט זיין איינטריטס געלד. עס קען מעגליך זיין מען זאָל פערלאַנגען בלויז 10 סענט איינטריטס־געלד, אָדער פיליייכט נאָר אַ דאָלער — נאָך די אומ־שטענדען.

## קען מען די שעהרס טראנספערירען?

דאס איז אויך א פראגע פאר די מעמבערס צו בעשטימען. בעסער וואלט געווען, אז ניט; ווייל עס איז גוט, אז די גרופע זאל קענען דעם מעגליך־נייעם מעמבער, און ניט דער איינצעלנער.

## קען מען דאס געלד פאר שעהרס קריגען אויסגעצאהלט צוריק?

יעדער שעהר־האלדער קען זיין געלד קריגען אויסגעצאהלט נאך די פאלגענדע רעגעלען: ער מוז געבען געשריבענעם נאטיס 30 טעג, און ער ווערט געשטעלט אויף דער ליסט נאך זיין דיים. ווייל ביז דעם טאג וואס ער קריגט זיין געלד אויסגעצאהלט מוז ער קריגען זיינע דיווידענדס פון די פערדיענסטען פון זיין טהייל; אבער ער קען ניט מעהר אנטהייל נעהמען אלס מעמבער אין דער ארגאניזאציאן.

## קען א קרעדיט יוניאן האלטען אנדערע געלדער אויך.

א קרעדיט יוניאן, זייענדיג א באנק פאר איהרע מעמבערס, קען אויך האלטען די סייווינגס פון איהרע מעמבערס, און זי קען אויך בארגען געלד ווען איהר ענטוויקלונג פערלאנגט עס.

## ווארום זאל מען סייווינגס אננעהמען?

ווייל סייווינגס קען א מעמבער שנעלער צוריק קריגען ווי שעהרס, און דאן זיינען זיי זיכערער ווי אן אנדער באנק, דאמיט וואס די מעמבערס קאנטראלירען אלעס זעלבסט און מאכען אליין די אינוועסטמענטס וואס זיי פערשטעהען.

## וואס פאר א פראצענט זאל געצאהלט ווערען?

די מעמבערס קענען דאס אליין בעשטימען, אבער עס איז ראטהזאם ניט צו צאהלען פאר קיין סייווינגס מעהר ווי מיט 1 פראצענט ווי די בענק אין דעם נעגענד צאהלען; צום ביישפיעל, אויב די בענק צאהלען 4 פראצ., זאל די קרעדיט־יוניאן צאהלען 5 פראצענט. דעפאזימארס זאלען קריגען זייער אינטערעס פון דעם ערשטען יעדען מאנאט, און אויסצאהלען דעם פראצענט זאל מען יעדען קווארטאל.

## ווי אזוי זאל א קרעדיט־יוניאן זוכען צו בארגען געלד, ווען עס נעטהיגט זיך פאר איהר טעטיגקייט?

דאס איז פארגעשריבען פון רעגירונגס־געזעץ; אבער דאס בעסטע איז, דאס עס זאל בעשטימט ווערען פון דער אלגעמיינער

מעמבערשיפ ביים דזשענעראַל מיטינג. מען דאַרף ניט פערגע־סען, אז יעדער שעהר־האָלדער און דעפּאָזיטאָר נעהמט א טהייל פון די פּראָפּיטען נאָכדעם ווי א געוויסער רעזערוו־פאָנד ווערט אוועקגעלייגט; און באָרגען געלד ביי אן אנדערן איז אן עקספּענס וואָס דאַרף בעשטימט ווערען פון יעדען שעהר־האָלדער.

## ווי אזוי זאָל מען דאָס געלד פון דער קרעדיט־יוניאָן בעשעפטיגען?

נאָכדעם ווי מען האָט אוועקגעלעגט דעם גאַראַנטי־פאָנד — אויב די רעגירונג שרייבט אזעלכען פאָר, מוז מען אינוועסטען נאָך איהרע פאַרשריפטען — בלייבט דאָס איבעריגע געלד פריי צום פערוואַלטען פון דער קרעדיט־יוניאָן נאָך איהרע אייגענע בעשטימונגען: אויסלייהען צו איהרע מעמבערס אָדער אינוועס־טען אין באָנדס, א. ז. וו.

## ווער קען קריגען געלד געבאָרגט ביי דער קרעדיט־יוניאָן?

יעדער מעמבער, מיט אויסנאָהם פון די מעמבערס פון די פערוואַלטענדע קאָמיטעס, דאָס הייסט: באָארד אָוו דירעקטאָרס, קרעדיט קאָמיטע און סופּערוויי זאָרי קאָמיטע. דאָס געזעץ שרייבט דאָס פאָר, און אזוי איז אויך ריכטיג. די מעמבערס דאַרפען פאַרזיכטיג זיין ביי דער וואהל פון דיזע קאָמיטעס, אז נאָר אזעלכע וואָס דאַרפען ניט באָרגען אין דער גרופּע זאָלען ערוועהלט ווערען, און אויב עס נעטהיגט זיך דאָס צו ענדערען, מוז דער דזשענעראַל מיטינג דאָס בעשטימען.

## צו וועלכע צוועקען זאָל די קרעדיט יוניאָן אויסבאָרגען די געלדער?

אין אַלגעמיין קען יעדער מעמבער אויסבאָרגען ווען ער נעט־היגט זיך, און אויב ער האָט זיין גאַראַנטי פעסטגעשטעלט אָדער די קרעדיט קאָמיטע האָט צו נעהמען אין אנבעטראַכט די אינ־טערעסען וואָס דער באָרגער נעהט מאַכען און בעשטימען א געוויסען פּאַרצוג פאַר פּראָדוקטיווע אונטערנעהמונגען, ווי בלויז באָרגען אויף צו צאָהלען וועכענטליך, אָבוואָהל אייניגע פעלע זיינען שוין פאָרגעקומען וואו די באָרגער האָבען געבאָרגט און געשפּאָרט אין דער סייווינג בענק אויף א גרויסע סומע דאָס וואָס זיי האָבען אָבגעצאָהלט וועכענטליך אין דער קרעדיט יוניאָן. דאָס בעסטע איז צו באָרגען פאַר אן אונטערנעהמונג וועלכע פיהרט צו

זעלבסט־הילפע דורך קאָאָפעראַציאָן, שותפות אָדער זאָגאַר פּריוואַט אונטערנעהמונג.

דערפאַר מוז יעדער אַפּליקיישאָן פאַר אַ לאָאַן זיין שריפטליך.

## וואָס פאַר אַ פּראָצענט זאָלען די באָרגערס צאָהלען?

עס איז ראַטהזאַם אז וואָס ווענינער; נאָר מען מוז נעהמען אין אַנבעטראַכט אז מען מוז האָבען צו שאַפען אַ רעזערוו־פאָנד, צאָהלען דיווידענדס צו די שעהר־האָלדערס, און העלפען דער ענט־וויקלונג פון דער קרעדיט־יוניאָן אידעע. אונטער קיין פאַל קענען נים אין ניו־יאָרק סטייט איבערשרייטען דעם 12% אָדער 1% פער מאָנאַט געזעצליכען גרענעץ.

פאַר וויפיעל צייט דער לאָאַן זאָל געמאַכט ווערען? דאָס היינגט אָב אַן דער קרעדיט קאָמיטע, אָן דער אַרט און ווייזע פון אונטערנעהמונג, וואָס דער באָרגער אונטערנעהמט. אַ מאַקסימום פון אַ יאָהר איז גאַנץ גענוג.

## ווי אַזוי זאָלען די געבאָרגטע געלדער צוריקגעצאָהלט ווערען?

דאָס בעסטע איז, אז די קאָמיטע זאָל דאָס בעשטימען, אויב וועכענטליך, מאָנאַטליך אָדער קוואַרטאַלמעסיג. איין זאַך בלייבט אָבער פעסט, פינקטליך צו דער מינוט, אָהן דער מינדעסטער פער־צעגערונג.

## וואָס פאַר אַ פערזיכערונג פערלאַנגט די קרעדיט יוניאָן?

פאַר אַ קליינער סומע איז גענוג די מעמבערשיפ שעהר, אָדער אַ נאָוט פון איינעם אָדער מעהרערע אינדאָרסערס. גרעסערע סר מען קענען שוין נעהמען אַ מאָרטגיידזש, טשעטעל אָדער ריעל־עסטייט. אָבער צוערשט קומט דער פערזענליכער לאָאַן פאַר פּראָ־דוקטיוויטעט, אָדער הלואה פון דער אַרט פון זאָפאָרטיגע הילף, און די בעסטע סעקיוריטי איז אין דער לעצטער בעשטימונג דער כאַראַקטער אי פון דעם באָרגער, אי פון זיינע אינדאָרסערס. דער־פאַר מוז מען האָבען גרופען פון פערזענליכע בעקאַנטשאַפט.

## וועלכע איינקינפטע האָט די קרעדיט יוניאָן?

די איינקונפטע פון דער קרעדיט יוניאָן זיינען: ערשטענס, די אינטערעסען וואָס די באָרגערס צאָהלען פאַר געבאָרגטע געלד; צווייטענס, אַלע אַנדערע איינקינפטע, ווי: איינטריט געלד, טראַנ־ספערס פון שעהרס, שטראָפען פאַר נים צאָהלען פינקטליך און אַלע איבריגע סורפּלוסעס פון דער קרעדיט יוניאָן מענעדזשמענט. די

ערשטע, די אָרדינערי איינקונפט, וועלכע ווערן פערטהיילט צו די שעהר־האָלדערס, און די צווייטע, בעלאַנגען צו דעם גאַראַנטי־פאַנד וואָס בלייבען אַלס רעזוירוו פאַנד.

## ווי אַזוי די פראָפיטען ווערן פארטהיילט.

נאָך דעם ווי די פערלוסטען ווערען אַרונטערגעצויגען פון גאַראַנטי־פאַנד (ווי מען מעג עס טהאָן לויט'ן געזעץ פון נויאָרק), ווערען פון די אָרדינערי אינקאַם אַרונטערגערעכענט די אינטערעסען וואָס מען האָט געצאָהלט, אָדער וואָס מען דאַרף צאָהלען פאַר דעפאָזיטס, און דאַן צוטהיילט מען דעם נעט פראָפיט ווי פאָלגט:

אויב דאָס געזעץ שרייבט ניט פאַר וויפיעל, איז ראַטהזאַם אַז 25% זאָל גערעכענט ווערען צו דעם גאַראַנטי־פאַנד, און דאַן קען מען בעשליסען וויפיעל מען זאָל צאָהלען דיווידענדס, און דעם סורפּלוס קען מען האַלטען אַלס ניט פארטהיילטע פראָפיטען.

## וואָס איז דער גאַראַנטי פאַנד ?

דאָס איז דער איינציגער קאָלעקטיווער פארמעגען פון דער אָרגאַניזאַציאָן, אויף וועלכער דער איינצעלנער מעמבער, ווען ער ציהט זיך צוריק, האָט ניט קיין רעכט אויף אַ חלק. דיעזער פאַנד קען נאָר צוטהיילט ווערען ווען די קערפערשאַפט לעזט זיך אויף און ניט פריהער.

## ווען ווערען די דיווידענדס ערקלעהרט ?

ענדע פון יאָהר, ביי דער דזשענעראַל פערזאַמלונג, (אַ יאָהר רעכענט מען אין ניו יאָרק סטייט נאָך דעם געזעץ פון 1טען נאָוועמבער, ביז'ן 31טען אָקטאָבער), דאָרט ווי עס איז ניט פאָרגעשריבען, איז בעסער אַ יאָהר זאָל זיך רעכענען לויט די 12 קאַלענדער מאָנאַטען.

## ווער בעשטימט די דיווידענדען ?

די מעמבערשיפּ בעשטימט די דיווידענדען. עס איז אָבער בעסער דאָס צו בעשטימען אין די ביי־לאָוס פון דער אָרגאַניזיישאָן, אום יעדער זאָל וויסען בעפאָר וואָס ער קען ערוואַרטען ווען ער בעלאַנגט צו דער קרעדיט יוניאָן.

## ווען און ווי אַזוי קאָנטראָלירט מען דעם עקזיסטענץ פון דער קרעדיט יוניאָן ?

דער קאָנטראָל איז ביי דער מעמבערשיפּ אין די הענד, נאָר

זיי מוזן דאָס טהאָן דורך אַלגעמיינע מיטינגען, און בין דאַן ווערט אַלעס פערוואַלטעט פון די דריי קאָמיטעס: באָארד אָוו דירעקטאָרס, קרעדיט קאָמיטע און סופערווייזורי קאָמיטע. די מעמבערשיפ האָט אָבער אַ רעכט, צו יעדער צייט, אומוואָרפען זייערע בעשליסע, לויט געזעצליכע און פאַרלאַמענטאַרישע רעגעלען.

## ווי אָפט מעגען מיטינגען אָבגעהאַלטען ווערען?

צוליעב עדיוקיישאָנאַל צוועקען מען מען מיטען וויפיעל מאָל די מעמבערשיפ ווילען בעשטימען, געזעצליכע מיטינגען אָבער מוזען געהאַלטען ווערען נאָך די פאָרשריפטען פון געזעץ, אָדער ווענינגסטענס אַן אַלגעמיינע מיטינג איין מאָל אין יאָהר, וועלכע איז די וויכטיגסטע, ווייל ביי דיעזער מיטינג ווערען ערוועהלט די קאָמיטעען און עס ווערען אָבגעגעבען אַלע רעפּאָרטס און בעשטימט אַלעס וואָס עס איז נויטיג פאַר דעם קומענדען יאָהר.

## וויפיעל מעמבערס זיינען אַ קוואָרום?

עס מוז גערופען ווערען יעדער איינציגער מעמבער צום מיטינג, און ווען עס קומען ניט גענוג, איז אַ מאַדזשאָריטי פון דער מעמבערשיפ אַ קוואָרום — דאָרט ווי דאָס געזעץ רעגולירט דאָס ניט.

## וואָס זאָל פערהאַנדעלט ווערען ביי דעם יעהרליכען מיטינג?

1) ראָלל קאָלל,
2) פאָרלעזען פון פּראָטאָקאָל פון פריהערינגען מיטינג.
3) רעפּאָרט פון פּרעזידענט.
4) רעפּאָרט פון טרעזשורער.

רעפּאָרט פון קרעדיט און סופערווייזאָרי קאָמיטע און אַלע אַנדערע.

## וויפיעל דירעקטאָרען דאַרפען ערוועהלט ווערען?

דאָרט, וואו דאָס געזעץ שרייבט ניט פאָר, איז בעסער, אויב אַ קערפערשאַפט האָט ניט מעהר פון 50 מעמבערס זאָלען זיין 5 דירעקטאָרען; אין גרעסערע קערפערשאַפטען קענען זיין מעהר.

דיעזע דירעקטאָרען ביי זייער ערשטען מיטינג ערוועהלען צווישען זיך דעם פּרעזידענט, וויס־פּרעזידענט, טרעזשורער און סעקרעטער, און זיי בעשטימען אויך מיט די אַנדערע ערוועהלטע קאָמיטעס, די קרעדיט קאָמיטע און סופערווייזאָרי קאָמיטע, די ביכער און אַלע פאָרמאַליטעטען וועלכע זיינען נויטיג דורכצופיה־

רען, זיך צו שטעלען אין איינקלאַנג מיט דעם געזעץ פון דעם בענקינג דעפּאַרטמענט, אויב אזא געזעץ איז פאַראַן.

## מוז מען זיך געזעצליך אינקאָרפּאָרירען?

ניט אימער. דאָרט, וואו עס איז פאַראַן א געזעץ איז בעסער אז יא, ווייל דאָס געזעץ פערהיט פיעלע פעהלערען וואָס קענען געמאַכט ווערען און עס העלפט מיט דער איבערזיכט און קאָנטראָלע פון דעם בענקינג דעפּאַרטמענט. דערפאַר ניט אויף דער בענקינג דעפּאַרטמענט אַלע נעטהינג בלענקס און פאָרמס פאַר אינקאָרפּאָרירען פריי און זעהט, אז אַלע ביי־לאָוס וואָס די קרעדיט־יוניאָן שאַפט זאָלען זיין אין איינקלאַנג מיט דעם בענקינג געזעץ פון קרעדיט יוניאָנס.

## וואָס איז די אויפגאַבע פון די אַנדערע קאָמיטעס?

די קרעדיט־קאָמיטע פון 5 מעמבערס האָט די איבערזיכט איבער אַלע אַפּליקיישאָנס פון די, וועלכע ווילען באָרגען געלד, און זי בעשטימט, לויט די פאָרשריפטען פון געזעץ, די לאָאַנס וואָס מיר קענען מאַכען.

די סופּערוויזאָרי קאָמיטע פון 3 מעמבערס איז זעהר א וויכטיגע קאָמיטע, ווייל זי גיט אכטונג אויף דעם גאַנצען אויפטהו פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס. זי רופט מיטינגען אויסצופילען די וואַקאַנסים ביי דער באָארד אָוו דירעקטאָרס אָדער ביי דער קרעדיט קאָמיטע.

## ווי אַזוי ווערט א קרעדיט־יוניאָן געזעצליך אָרגאַניזירט?

ניט מיט שוועריגקייטען, אויב די, וועלכע שרייבען זיך אונטער אויף דעם טשאַרטער, קענען געבען גוטע און פערלעסליכע ערזאָנען אַלס רעפערענסעס צו דעם בענקינג דעפּאַרטמענט. דערפאַר איז נעטהיג אז די אינקאָרפּאָראַטאָרען זאָלען זיין די מעהר ערנסטע און אויפריכטיגסטע און צופערלעסליכסטע פערזאָנען אין דער געזעלשאַפט און אין דעם אַלגעמיינעם אומגאַנג פון דעם געגענד; מענשען, וועלכע מען קען טרויען און זיך אויף זיי פערלאָזען.

## ווי אַזוי פיהרט מען אָן די ערשטע מיטינגען?

בעסער איז, אז אן ערפאַהרענער מעמבער פון אן עקזיסטירענדער קרעדיט־יוניאָן זאָל זיין ביי דעם אָרגאַניזירען, ווייל די אָרגאַניזיישאָן דאַרף געטהאָן ווערען אָהנע עקספּענסעס, בלויז א

נאָמאַרי צו אונטערשרייבן די אַפּליקיישאַן פאַר אַ משאַרטער וואָס קאָסט אַ קליינינקייט. בעפאָר דער משאַרטער קומט, קענען מעמבערס בלויז איינצאָהלען די איינטריטס-געלדער, פון 25—10 סענט. מען זעהט צו דיסקוטירען און פערשטעהן די ביי-לאָאָס פון בענקינג דעפּאַרטמענט, און מען ארבייט צו קריגען די פריינד און פאַסענדע בעקאַנטע אלס מעמבערס, וועלכע שרייבען אונטער די אַפּליקיישאָנס פון מעמבערשיפּ, וועלכע די מעמבערשיפּ האָט אָנגענומען אלס איהר סטענדערד און אינפאָרמיישאַן בעפאָר זי נעהמט דעם מעמבער אַן. יעדער פאָרגעשלאָגענער מעמבער מוז אויספילען אזא אַפּליקיישאַן.

## ווי אזוי אָרגאַניזירען זיך די פּערוואַלטענדע קאָמיטעס?

ביי דעם ערשטען מיטינג פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס ערוועהלען זיי צווישען זיך זייערע אָפיסערס, וועלכע זיינען די אָפיסערס פון דער גאַנצער קערפּערשאַפט. בעשטימען דעם באָנד פון טרעזשורער. בעשטימען, ווי פיעל פּראָצענט עס זאָל פּערלאַנגט ווערען פאַר לאָאַנס, אויב די מעמבערשיפּ האָט עס ניט בעשטימט. נעהמט אויף נייע מעמבערס. בעשטעלט די ביכער און פּרינטינג פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן. (דאָ איז נויטיג צו ערקלערען, אז פאַר אַן אָרגאַניזיישאַן פון 50 מעמבערס קען זיין, אז די סטיישאָנערי מיט די אַלע נעטהיגע פאָרמולארען זאָל בעטרעפען 25 דאָלער. עס איז נעטהיג נאָכצוקומען דעם בעשטימטען סטענדערד וואָס עקזיסטירט.)

די קרעדיט קאָמיטע, נאָכדעם ווי זיי ערוועהלען זייער משער־מאַן, וואָס איז אויך דער סעקרעטער, בעשטימען זייערע רעגעלען לויט די פאָרשריפטען פון די ביילאָאָס און נעהמען אויף אַן פאַר־סענדע אַפּליקיישאָנס פאַר לאָאַנס אין רייטינג פון יעדען מעמבער.

דאַן בעשטימט זי אויך וואָס פאַר אַ לאָאַנס מען קען שוין מאַכען.

די סופּערווייזאָרי קאָמיטע, וועלכע מיטעט שפּעטער, ווי אַלע אַנדערע קאָמיטעס עקזיסטירען שוין אין דער ארבייט, וועהלט אויך איהר משערמאַן ביי דעם ערשטען מיטינג, און זי זעהט נאָך אויב די נעטהיגע ביכער זיינען שוין איינגעפיהרט און אויב אַלע פאָר־שריפטען פון געזעץ זיינען נאָכגעקומען, און אויב זי גלויבט אז די קערפּערשאַפט דאַרף אַ שטאַרקערע אָדער אַ בעסערע סופּער־

וויזשען, פיהרט זי עס שוין אָן ביז צו דעם נעקסטען רעגולאַר מיטינג. זי זעהט נאָך, אויב די פערוואַלטענדע קאָמיטעס ווערען ריכטיג אָנגעפיהרט. זי פיהרט איין פיר זיך אַ רעגולערע אַרט פון פאָרמס פאַר מיטינגען און בעשטימט אַ געניגענדע צייט פאַר דיזע מיטינגען.

## קריעגט יעמאַנד בעצאָהלט פאַר דער אַרבייט?

די קרעדיט יוניאָן בעוועגונג אַלס אַ קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג פאַר זעלבסט־הילף דורך געגענזייטיגע הילף פון צוזאַמענאַרבייטען און טרויען, מוז אויך אָוועקשטעלען דעם בעסטען גראַד פון עפישענסי פאַר פאָלקס־אָרגאַניזאַציאָנען, און דערפאַר מוז זי, ווי יעדע אַ[illegible]עלע אָרגאַניזאַציאָן, ניט האָבען קיין בעצאָהלטען בעאַמטענטום ביי דיזע קליינע גרופּען פון מעמבערשיפּ. וואָס די צוקונפט זאָל ניט זיין, האָט זי פאַר'ן אויג די אידעאַלע און פּראַקטישע אויספיהרונג פון פאָלקס־פערוואַלטונג פון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוועז, וועלכע טהוען געשעפטען פון צעהנדליגע מיליאָנען פונט שטערלינג יעהרליך, און זייערע גרעסטע בעאַמטע קריגען ניט מעהר ווי 3000 דאָלער אַ יאָהר, אָדער דעם מוסטער פון א. לוצאַטי'ס בענק פּאָפּולאַר אין מילאַן, איטאַליען, וועלכע טהוען אַ בענקינג ביזנעס פון מיליאָנען מיט דעם מינימום פון עקספּענס פאַר פערוואַלטונג און סעלערי.

איבער אַלע בעוועגונגען פון קאָאָפּעראַציאָן שטעהט אַלס אַ וועכטער דער גרויסער אידעאַל פון דעם בעלגישען פאָלקס־פיהרער פון די 80־גער יאָהרען, צעזאַר דע פּעפּ, וועלכער האָט ניט געוואָלט האָבען קיין גרעסערען געהאַלט, ווי דער קליענער פון זיין אָפּיס אין דעם „פּיפּעל“, דאָס בעריהמטע פאָלקסבלאַט. זיין גייסט האָט אויך בעאיינפלוסט די בעלגישע קאָאָפּעראַציאָנען, און אין דעם גייסט, וויל איך האָפען, וועלען די קרעדיט־יוניאָנס זיין דער וועג־ווייזער און געלד־פערמיטלער פון דער אַמעריקאַנער קאָ־אָפּעראַטיווער פאָלקס־בעוועגונג, פון פאָלק און דורכ'ן פאָלק, צום מענשליכען פאָרטשריט.

# ביי־לאָוס.

**סעמפעל פון ביי־לאָוס לוים די פאָרשריפטען פון דעם בענקינג דעפארטמענט אָף ניו יארק סטייט.**

ארטיקעל 1.

## דער נאָמען

§ 1. דער נאָמען פון דער קערפערשאַפט זאָל זיין

ארטיקעל 2.

## דער צוועק

§ 1. דער צוועק פון דער קרעדיט יוניאָן זאָל זיין, צו ענט־וויקלען שפאַרזאַמקייט ביי איהרע מיטגליעדער און צו לייהען זיי געלד אויף מיטעלמעסיגע פראָצענטען, מיט אָדער אָהן סעקיורימי.

ארטיקעל 3.

## די מיטגליעדערשאַפט.

§ 1. יעדע מאָראלע פערזאָן אדער קערפערשאַפט אנער־קענט אלס אן איינצעלנער מעמבער, וואס ווערט פאָרגעשלאָגען אלס מיטגליעדער און פערשרייבט זיך אויף איין שעהר אָדער מעהר און בעצאָהלט די בעטרעפענדע סומע אין גאַנצען אָדער א טהייל פון איהר צוזאַמען מיט דעם איינטריט־געלד, ווי עס איז פאָרגעשריבען אין ארטיקעל 10 פון דער קאָנסטיטוציאָן, זאָל ווערען א מיטגליעדער פון דער קרעדיט־יוניאָן.

ארטיקעל 4.

## פערזאמלונגען פון מיטגליעדער.

§ 1. די יעהרליכע פערזאַמלונג פון די מיטגליעדער זאָל אָב־געהאַלטען ווערען דעם דריטען דיענסטאָג אין מאָנאט יאנואר פון יעדען יאָהר. אלגעמיינע פערזאַמלונגען פון מיטגליעדער זאָלען אויך אָבגעהאַלטען ווערען יעדען קווארטאל, דעם דריטען דיענסטאָג אין אַפּריל, יולי און אָקטאָבער פון יעדען יאָהר. א נאָטיץ וועגען אלע פערזאמלונגען פון די מיטגליעדער זאָל דער סעקרעטער צושיקען דורך פּאָסט צו יעדען מיטגליעד ניט ווייניגער ווי פינף און ניט מעהר ווי פינפצעהן טעג פאַר יעדען מיטינג.

§ 2. איין העלפט פון די מיטגליעדער זאָל מיט זיך פאַר־שטעלען א קוואָרום. אויב אין דעם ערשטען בעשטימטען טאָג איז קיין קוואָרום ניט אנוועזענד, זאָל די פערזאמלונג פערנאנדערגעלאָזט

ווערען אויף צעהן טעג. א צווייטע נאָטיץ זאָל ארויסגעשיקט ווע־רען צו אלע מיטגליעדער, און וויפיעל מיטגליעדער עס וועלען אנ־וועזענד זיין צום צווייטען מאָהל, זאָלען זיי בילדען א קוואָרום, אום דורכצופיהרען אלע פערהאנדלונגען.

§ 3. יעדער מיטגליעד זאָל האָבען א רעכט בלויז אויף איין שטימע. קיינער מאָר ניט איבערגעבען זיין שטים־רעכט צו א צווייטען. אויב עס ווערט ניט אנדערש פאָרגעשריבען אין דער קאָנסטיטוציאָן, זאָל די מעהרהייט שטימען פון די אנוועזענדע מיט־גליעדער אויף א פערזאמלונג זיין בינדענד פאַר דער קאָרפּאָראציאָן.

§ 4. דער טאָגעס־אָרדנונג פאָר פערזאמלונגען פון די מיט־גליעדער זאָל זיין פאָלגענדער:

א) אויסרופען די נעמען פון די מיטגליעדער, (ראָלל קאָלל).
ב) לעזען דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצטער פערזאמלונג.
ג) באריכט פון די דירעקטאָרען.
ד) באריכט פון דעם טרעזשורער.
ה) באריכט פון דער קרעדיט־קאָמיטע.
ו) באריכט פון דער סופערוויזאָרי־קאָמיטע.
ז) ניט פערענדיגטע פערהאנדלונגען פון דער לעצטער פער־זאמלונג.
ח) נייע פערהאנדלונגען.
ט) שלוס.

§ 5 דורך א מעהרהייט שטימען פון אלע שעהר־האָלדערס (אקציעס־איינענטהימער), האָבען די מיטגליעדער א רעכט צו אונ־טערזוכען און אומצוענדערען די בעשליסע פון דער באָארד אָף די־רעקטאָרס פון דער קרעדיט־יוניאָן.

§6. די באָארד אָף דירעקטאָרס מעג אליין פערזרופען עקסטרא פערזאמלונגען פון די מיטגליעדער און דאַרף אויך אזעלכע פערזרו־פען אויף דעם פערלאנג פון דער סופערוויזאָרי־קאָמיטע, אָדער ווען צעהן מיטגליעדער פון דער קרעדיט־יוניאָן פאָדערען עס שריפטליך. דער סעקרעטער זאָל ארויסשיקען צו די מיטגליעדער א נאָטיץ ווע־גען אזעלכע עקסטרא פערזאמלונגען, אנגעבענדיג דייטליך דעם צוועק פון דער פערזאמלונג, ווי עס איז פאָרגעשריבען אין פונקט 1 פון דיעזען ארטיקעל.

קיין אנדערע פראַגען אויסער די, וואָס ווערען אָנגעגעבען אין

צושריפט, זאָלען ביי אזעלכע פערזאַמלונגען ניט פערהאַנדעלט ווע־רען.

§ 7. די יעהרליכע רעכנונגען פון דער קרעדיט־יוניאָן, זאָל זיך ענדיגען דעם איין און דרייסיגסטען (31) דעצעמבער.

ארטיקעל 5.

## דירעקטאָרס.

§ 1. ביי דער יעהרליכער פערזאַמלונג זאָלען די מיטגליעדער פון דער קרעדיט־יוניאָן ערוועהלען אַ באָארד אָוו דירעקטאָרס פון ניין מיטגליעדער, אַ קרעדיט־קאָמיטע פון פינף מיטגליעדער און סופּערוויזאָרי־קאָמיטע פון פינף מיטגליעדער. די ערוועהלטע פער־בלייבען אין אמט ביז דער נעכסטער יעהרליכער פערזאַמלונג פון די שעהר־האָלדערס (אַקציעס־אייגענטהימער) און ביז זייערע נאָכ־פאָלגער ווערען ערוועהלט און בעפאָלמעכטיגט. אַ מיטגליעד פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס מאָר צו דער זעלבער צייט ניט זיין קיין מיטגליעד פון דער סופּערוויזאָרי־קאָמיטע, אויך מאָר קיין מיט־גליעד פון דער סופּערוויזאָרי־קאָמיטע ניט זיין קיין מיטגליעד פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס.

§ 2. אַ זיצונג פון דער ניי־ערוועהלטער באָארד אָוו דירעקט־טאָרס זאָל אָבגעהאַלטען ווערען אין פערלויף פון צעהן טעג נאָך דער יעהרליכער פערזאַמלונג פון די שעהר־האָלדערס (אַקציעס־אייגענטהי־מער) און די באָארד אָוו דירעקטאָרס זאָל ערוועהלען פון זיך אַ פּרעז־זידענט, אַ וויצע־פּרעזידענט, אַ סעקרעטער און אַ טרעזשורער, וועל־כע זאָלען זיין די עקזעקוטיווע בעאַמטע פון דער קרעדיט־יוניאָן. נאָכדעם דאַרף די באָארד אָוו דירעקטאָרס האָבען אַ זיצונג אַם ווי־ניגסטען איין מאָהל יעדען מאָנאַט. פינף מיטגליעדער בילדען אַ קוואָרום ביי אַלע זיצונגען.

§ 3. די באָארד אָוו דירעקטאָרס זאָל האָבען די הויפּט פער־וואַלטונג איבער די געשעפטען, קאַפּיטאַל, ביכער און פּאַפּירען פון דער קרעדיט־יוניאָן. עס דאַרף זיין איהר הויפּט אויפגאַבע צו נעה־מען אַ שטעלונג אין בעצוג צו אַלע מיטגליעדער, וועלכע דאַרפען אָנגענומען אָדער אויסגעשלאָסען ווערען; צו בעשטימען די סומע פון באַנדס וואָס דער טרעזשורער דאַרף איינלעגען; צו בעשטימען דעם פּראָצענט פאַר הוצאות און אויף אָבגעשפּאָרטען געלד (רעזער־ווס); צו בעשטימען דעם חלק פון פּערדיענסט, וואָס יעדער שעהר־האָלדער (אַקציעס־אייגענטהימער) דאַרף בעקומען; צו בעשליסען

ווייפיעל עס זאָל זיין די גרעסטע צאָהל שעהרס (אקציעס), וואָס יע־דער מיטגליעד מעג קויפען ; צו רעקאָמענדירען אויסבעסערונגען פון דער קאָנסטיטוציאָן ; אויסצופילען וואקאַנסען אין דער באָארד אָוו דירעקטאָרס ביז עס ווערען ערוועהלט און בעפאָלמעכטיגט זייע־רע נאָכפאָלגער און צו ערפילען אַלע אַנדערע פליכטען אויף וועלכע די מיטגליעדער קענען זיי פון צייט צו צייט בעפאָלמעכטיגען.

§ 4. קיין בעאַמטער אָדער וועלכעס עס איז מיטגליעד פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס זאָל ניט קריגען בעצאָהלט פאר זיין אר־ביים, אויסער דער סעקרעטער, וועמעס געהאַלט, אויב דער אַמט איז א בעצאָהלטער, דאַרף בעשטימט ווערען פון די מיטגליעדער.

§ 5. די מיטגליעדער מעגען, ביי א ספּעציעלען מיטינג, גע־רופען פאר דעם צוועק, מיט צוויי דריטעל שטימען פון אַלע מעמ־בערס, ערקלעהרען וואַקאַנט דעם פּלאַץ פון וועלכען עס איז מיט־גליעד פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס, אויב דיעזער מיטינג איז גע־רופען געוואָרען, ווי עס איז פאַרגעשריבען אין ארטיקעל 4, פונקט 1 און 6 פון דיעזער קאָנסטיטוציאָן.

ארטיקעל 6.

בעאַמטע און זייערע פליכטען.

§1. די בעאַמטע פון דער קרעדיט־יוניאָן זאָל בעשטעהען פון א פּרעזידענט, וויצע פּרעזידענט, טרעזשורער און סעקרעטער.

§ 2. דעם פּרעזידענט'ס פליכט איז צו זיין פאָרזיצענדער ביי די מיטינגס פון די מיטגליעדער אָדער ביי די מיטינגס פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס ; צו אונטערשרייבען אַזעלכע טשעקס, דראַפטס און וועקסלען (נאָוטס) פון דער קרעדיט יוניאָן, וואָס פאָר־דערען זיין אונטערשריפט, און צו ערפילען געוועהנליכע אַנדערע פליכטען, וועלכע זיינען מיט דעם אַמט פערבונדען.

§ 3. אין פאַל דער פּרעזידענט האָט ניט די מעגליכקייט צו ערפילען זיין פליכט, זאָל דער וויצע פּרעזידענט ערפילען די פליכטען פון פּרעזידענט און אויך אַנדערע פליכטען, וועלכע די באָארד אָוו דירעקטאָרס מעג פון צייט צו צייט אָנצייגען.

§ 4. דער טרעזשורער זאָל אָבהיטען די פאָנדס, פּערזיכע־רונגען, (סעקיוריטיס), געשעפטס־ביכער און אַלע אַנדערע ווערטה־פולע פּאַפּירען פון דער קרעדיט־יוניאָן. ער זאָל פיהרען בעזונדערע ביכער, וואו עס זאָלען זיין פערשריבען אַלע איינצעלהייטען פון די פינאַנציעלע אָפּעראַציאָנען פון דער קרעדיט־יוניאָן. ער זאָל אונ־

מערשרייבען אַלע משעקס, דרעפטס און וועקסלען (נאָוטס) פון דער קרעדיט יוניאָן. אַלס פערזיכערונג פאַר די עהרליכע ערפילונג פון זיינע פליכטען, זאָל דער טרעזשורער צושטעלען באָנדס אויף אַזא סומע, וואָס די באָארד אָוו דירעקטאָרס וועט בעשטימען.

§ 5. דער סעקרעטער זאָל האָבען פינקטליכע רעקאָרדס פון אַלע מיטינגס פון די מיטגליעדער און פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס. ער זאָל צושיקען אַ נאָטיץ וועגען אַלע מיטינגען פון די מיטגליעדער ווי עס איז פאָרגעשריבען אין דער קאָנסטיטוציאָן, און ער זאָל ערפילען אַלע אַנדערע פליכטען, מיט וועלכע זיין אַמט איז פערבונדען. אין פאַל דער טרעזשורער ווערט קראַנק זאָל דער סעקרעטער ערפילען זיינע פליכטען.

ארטיקעל 7.

## קרעדיט קאָמיטע.

§ 1. די קרעדיט־קאָמיטע זאָל בעשטעהען פון פינף מיטגליעדער.

§ 2. די קרעדיט־קאָמיטע זאָל בעשטימען יעדע הלואה וואָס די קרעדיט־יוניאָן מאַכט צו איהרע מיטגליעדער. יעדער אַפּליקיישאָן פאַר אַן הלואה זאָל געמאַכט ווערען שריפטליך און זאָל אָנדייטען דעם צוועק פאַר וועלכען די הלואה ווערט פערלאַנגט און אויך די סעקיוריטי.

הלואות זאָלען ניט געמאַכט ווערען סיידען זיי ווערען גוטגעהייסען פון אַ מעהרהייט פון די קרעדיט־קאָמיטע מיטגליעדער; ביי יעדער זיצונג מוז זיין אנוועזענד אַם וויינינגסטען אַ מעהרהייט פון דער קאָמיטע.

§ 3. די קרעדיט־קאָמיטע מעג זיך צוזאַמענקומען צו יעדער צייט און דאַרף האָבען זיצונגען אַזוי אָפט, ווי עס איז נויטהיג. דער משערמאַן פון דער קרעדיט־קאָמיטע זאָל מיטהיילען פאָראויס יערען מיטגליעדער וועגען די זיצונגען פון דער קאָמיטע. די קרעדיט־קאָמיטע זאָל פיהרען אַ רעקאָרד פון איהרע פערהאַנדלונגען אין אַ ספּעציעלען בוך, וואָס ווערט געהאַלטען פיר דיעזען צוועק.

ארטיקעל 8.

## סופּערוויזאָרי קאָמיטע.

§ 1. די סופּערוויזאָרי קאָמיטע זאָל בעשטעהען פון פינף מיטגליעדער, וועלכע דאַרפען ערוועהלט ווערען יעהרליך. די סו־

פערווייזאָרי קאָמיטע זאָל האָבען אַ זיצונג אַם ווענינגסטען איין מאָהל אין דריי מאָנאַטען, אום צו קאָנטראָלירען די ביכער פון דער קרעדיט־יוניאָן און אויסצואַרבייטען רעפּאָרטס פיר די מיטגליעדער.

§ 2. די סופּערווייזאָרי־קאָמיטע זאָל אונטערזוכען די פערזיכערונגען (סעקיוריטיס), באַאר־געלד און די רעכנונגען פון דער קרעדיט־יוניאָן, און זאָל האָבען די אויפזיכט איבער די האַנדלונגען פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס, קרעדיט קאָמיטע און בעאַמטע.

§ 3. די סופּערווייזאָרי־קאָמיטע מעג צו יעדער צייט, מיט אַן איינשטימיגען בעשלוס ביי אַ מיטינג, וואָס ווערט גערופען פאַר דיעזען צוועק, סוספּענדירען וועלכען עס איז מיטגליעד פון דער קרעדיט־קאָמיטע אָדער פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס אָדער וועלכען עס איז בעאַמטען, און מיט אַ מעהרהייט שטימען מעג זי רופען אַ מיטינג פון די שעהר־האָלדער (אַקציעס־איינענטהימער) צו בעטראַכטען די פראַגע וועגען איבערטרעטען אַרטיקעל 11 פון די באַנק געזעצען, אָדער פון דיעזער קאָנסטיטוציאָן, אָדער פון וועלכע עס איז פּראַקטיק פון דער קרעדיט־יוניאָן, וועלכע איז לויט דער מיינונג פון דער קאָמיטע אונזיכער און ניט בעפּאָלמעכטיגט.

§ 4. אין פערלויף פון זיעבען טעג נאָכ'ן סוספּענדירען פון וועלכען עס איז מיטגליעד פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס אָדער קרעדיט קאָמיטע, אָדער בעאַמטען, זאָל די סופּערווייזאָרי קאָמיטע רופען אַ ספּעציעלען מיטינג פון די מיטגליעדער, כדי צו האַנדלען אַזוי ווי עס איז נויטהיג אין אַזאַ פאַל. אַ נאָטיץ וועגען אַזאַ מיטינג זאָל צוגעשיקט ווערען צו יעדען מיטגליעד פון דער קרעדיט־יוניאָן ניט וויינינגער ווי פינף טעג איידער דער מיטינג דאַרף אָבגעהאַלטען ווערען. די סופּערווייזאָרי קאָמיטע זאָל אויספילען די וואַקאַנסען, וואָס קענען זיך מאַכען צווישען איהר איינענער מיטגליעדערשאַפט, ביז צום נעכסטען יעהרליכען מיטינג.

§ 5. צום סוף פון יעדען געזעצליכען יאָהר, זאָל די סופּערווייזאָרי קאָמיטע, קאָנטראָלירען די ביכער און אונטערזוכען די רעקאָרדס און די געשעפטען און אַנגעלעגענהייטען פון דער קרעדיט־יוניאָן פאַר דעם יאָהר און זאָל צוגרייטען אַ פולען רעפּאָרט פון איהר פערמעגען און איהרע חובות, פון איהרע איינגאַהמען און אויסגאַבען צו די באָארד אָוו דירעקטאָרס, און זאָל זעהען אַז דיעזער רעפּאָרט זאָל געלעזען ווערען ביים יעהרליכען מיטינג פון די שעהר־האָלדערס

(אקציעס־איינענטהימער) און זאָל געהאַלטען ווערען צוזאַמען מיט די רעקאָרד'ס פון דער קרעדיט־יוניאָן.

§ 6. די סופערוויזאָרי קאָמיטע זאָל האָבען אַ פאָלשטענדיגען רעקאָרד פון איהרע זיצונגען. אַלע רעפּאָרטען פון דיעזער קאָמיטע זאָל געהאַלטען ווערען צוזאַמען מיט די רעקאָרדס פון דער קרעדיט יוניאָן.

## ארטיקעל 9.

## קאַפּיטאַל.

§ 1. דער קאַפּיטאַל פון דער קרעדיט־יוניאָן זאָל בעשטעהען פון די איינצאָהלונגען, וואָס איהרע מיטגליעדער מאַכען אויפ'ן חשבון פון שעהרס און פון די ניט אויסגעצאָהלטע דיווידענס, וועלכע ווערען געהעריג קרעדיטירט.

## ארטיקעל 10.

## שעהרס.

§ 1. די צאָהל שעהרס, וואָס די קרעדיט־יוניאָן קען ארויסלאָזען איז אונבעגרענעצט.

§ 2. די ווערטה (פער וואַליו) פון יעדער שעהר איז פינף דאָלאַר.

§ 3. שעהרס קענען גלייך בעצאָהלט ווערען ביי'ם פערשרייבען זיך אָדער אויסגעצאָהלט ווערען אין רעגולערע וועכענטליכע אָדער מאָנאַטליכע צאָהלונגען.

§ 4. ווען אַ מיטגליעד וועט האָבען אָבגעצאָהלט אויף זיין „איינסטאָלמענט שעהר" די סומע וואָס די שעהר איז ווערט, זאָלען די צאָהלונגען צוזאַמענגערעכענט ווערען און ער זאָל ווערען דער איינענטהימער פון אַ פאָלשטענדיג אָבגעצאָהלטע שעהר; ער זאָל אויך בעקומען אַן אָקציע (אַ סערטיפיקייט אָוו שעהרס) אונטערגעשריבען פון פרעזידענט און סעקרעטער.

§ 5. אַן איינטריטס־אָבצאָהלונג, בעשטימט פון די מיטגליעדער, זאָל גענומען ווערען פון יעדער שעהר.

§ 6. פאָלשטענדיג בעצאָהלטע שעהרס קענען טראַנספערירט ווערען צו יעדער פערזאָן וואָס איז בערעכטיגט צו מיטגליעדערשאַפט, מיט דער גוטהייסונג פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס און אין איינקלאַנג מיט די פאָרשריפטען פון פונקט 9 פון דיעזען ארטיקעל מיט אַ טראַנספער־אָבצאָהלונג ניט העכער פון 25 סענט פון אַ שעהר.

קיין טראַנספער זאָל ניט געמאַכט ווערן, אויב דער וואָס טראַנספערירט זיין שעהר איז אַ בעל חוב אין דער קרעדיט־יוניאָן.

§ 7. געלדער, וואָס זיינען איינגעצאָהלט געוואָרען אויף איינע אָדער מעהר שעהרס, קענען צוריק געצויגען ווערען יעדען טאָג, ווען מען נעהמט אָן איינצאָהלונגען אויף שעהרס, מיט דער בעדינגונג אַז דער מיטגליעד וואָס ציהט זיך צוריק האָט אַריינגעגעבען אַ שריפטליכע מעלדונג וועגען זיין אבזיכט. די באָארד אָוו דירעקטאָרס קען אָבער צו יעדער צייט פאָדערען פון אַ מיטגליעד אַ שריפטליכע נאָטיץ וועגען זיין צוריקציהונג 30 טעג איידער ער קען ארויסציהען דאָס גאַנצע אָדער אַ טהייל וואס ער האָט איינגעצאָהלט אויף זיין שעהר. דער מיטגליעד, וואָס ציהט זיך צוריק זאָל בעקומען די סומע, וואָס ער האָט איינגעצאָהלט אויף זיינע שעהרס, צוזאַמען מיט די דיווידענד, וואָס איז קרעדיטירט דערויף, אראָברעכענדיג אלע געזעצליכע שטראָפען און אַנדערע חובות צו דער קרעדיט־יוניאן. נאָכדעם ווי אַ נאָטיץ וועגען צוריקציהונג איז אַריינגעבראַכט געוואָרען, זאָלען די שעהרס נאָך זיין בערעכטיגט צו דיווידענד ביז זיי ווערען אויסגעקויפט. אַ מיטגליעד, וואָס האָט אַריינגעגעבען אַ נאָטיץ וועגען צוריקציהונג קען מעהר ניט אויסאיבען די רעכטע פון מיטגליערשאַפט.

§ 8. די באָארד אָוו דירעקטאָרס מעג אויסשליסען יעדען מיטגליעד, וואָס האָט ניט ערפילט זיינע פליכטען צו דער קרעדיט־יוניאָן, אָדער וואָס איז פעראורטהיילט געוואָרען פאַר אַ קרימינעלען פערברעכען אדער אַ מיטגליעד וועלכער פערנאַכלעסיגט אדער ענטזאגט זיך נאָכצוקומען אלע פארשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן אדער פון געזעץ, לויט וועלכען די קרעדיט־יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען; אָדער אַ מיטגליעד וועלכער פערנאַכלעסיגט געוועהנליך צו צאָהלען זיינע חובות אדער ווען ער באַנקראָטירט. די מיטגליעדער קענען ביי יעדען רעגולאר גערופענעם מיטינג אויסשליסען יעדען מיטגליעד וועמעס פריוואט לעבען איז אַ קוועלע פון סקאַנדאלען. אַ מיטגליעד קען אָבער ניט אויסגעשלאָסען ווערען, סיידען מען האָט איהם פריהער שריפטליך בענאַכריכטעט וועגען די קלאַגען געגען איהם און איהם געגעבען אַ פּאַסענדע געלעגענהייט אויסגעהערט צו ווערען.

אין פאַל ווען אַ מיטגליעד ווערט אויסגעשלאָסען פאַר אירגענד וועלכע אורזאַכע, זאָל ער פעררעכענט ווערען אלס אַ מיטגליעד וואָס

האָט זיך צוריקגעצויגען, לויט די בעדינגונגען וועלכע זיינען פריהער פאַרגעשריבען געוואָרען פאַר אויסלייזען שעהרס. א מיטגליעד, וואָס האָט זיך צוריקגעצויגען אָדער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען, זאָל ניט בעפרייט ווערען פון זיינע פליכטען צו דער קערפערשאַפט.

§ 9. קיין בעאַמטער, דירעקטאָר, לאָיער, קאָמיטע מיטגליעד, אַנגעשטעלטע־ אָדער אַגענט פון דער קרעדיט־יוניאָן, זאָל אַלס איינצעלנע פערזאָן ניט דיסקאָנטירען אָדער אַבקויפען, דירעקט אָדער אינדירעקט ביי אַן אַנדער מיטגליעד זיין שעהר אין דער קרעדיט־יוניאָן, אָהן אונטערשיעד צי די שעהר איז אריינגעבראַכט געוואָרען פאַר צוריקציהונג, אָדער ניט.

ארטיקעל 11.

## שטראַפען.

§ 1. א מיטגליעד וואָס פערפעהלט צו מאַכען א צאָהלונג אויף זיין שעהר אָדער שעהרס, ווען צאָהלבאַר, זאָל בעצאָהלען א שטראָף פאַר די פערפעהלטע צאָהלונגען אין דער פראָפּאָרציע פון צוויי פראָצענט פער מאָנאַט, אָדער א טהייל דערפון; אין קיין פאַל אָבער זאָל די שטראָף ניט זיין גרעסער פון פינף סענט. אויב די שטראָף ווערט ניט בעצאָהלט פאַר דריי מאָנאַטען זאָל דער מיטגליעד סוספענדירט ווערען און מעג אויך לויט דעם בעשלוס פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס אויסגעשלאָסען ווערען פון דער קרעדיט־יוניאָן, און דער באַלאַנס פון זיין רעכנונג זאָל איהם אויסגעצאָהלט ווערען דורכ'ן טרעזשורער, אראָברעכענענדיג אלע סומען, וועלכע ער איז שולדיג דער קרעדיט־יוניאָן.

ארטיקעל 12.

## דעפּאָזיטס.

§ 1. די קרעדיט־יוניאָן מעג אָננעהמען אויף דעפּאָזיט די שפּאָרונגען (סייווינגס) פון מיטגליעדער אין סומען וועלכע די באָארד אָוו דירעקטאָרס וועט בעשליסען.

§ 2. פּראָצענט זאָל גערעכענט ווערען אויף דעפּאָזיטס פון דעם ערשטען טאָג אין מאָנאַט וועלכער קומט נאָך דעם טאָג ווען דער דעפּאָזיט איז געמאַכט געוואָרען.

§ 3. די פּראָצענט ראַטע אויף דעפּאָזיטס זאָל בעשטימט ווערען פון די באָארד אָוו דירעקטאָרס, פיערטעל־יעהרליך, אין פאָראויס, און זאָל זיין צאָהלבאַר אין משך פון דרייסיג טעג נאָך דעם ערשטען יאַנואַר, אַפּריל, יולי און אָקטאָבער, און זאָל קרעדיטירט

ווערען אויפ'ן חשבון פון דעפּאָזיטאָר, וועלכער מעג עס אַרויסנעה־מען אויף זיין פערלאַנג.

§ 4. יעדער דעפּאָזיטאָר מעג אַרויסנעהמען אין גאַנצען אָדער אַ טהייל פון זיין דעפּאָזיט צו יעדער צייט, ווען דער אָפיס פון דער קרעדיט־יוניאַן איז אָפען פאַר ביזנעס. די באָארד אָוו דירעקטאָרס מעג פונדעסטוועגען פאָדערען אַ 30 טעג שריפטליכע נאָטיץ ווענען דעם דעפּאָזיטאָרס אַבזיכט אַרויסצונעהמען די געלד. דעפּאָזיטס זאָלען אויסגעצאָהלט ווערען אין דיזעלבע אָרדנונג ווי די נאָטיצען זיינען אַריינגעקומען, אויף דעם זעלבען אופן ווי אין פאַל פון צור־ריקציהונג פון שעהרס, ווי פאַרגעשריבען אין פּונקט 7 פון אַרטיקעל 10 פון דיזער קאָנסטיטוציאָן, מיט דער בעדינגונג אַבער אַז אין צוריקציהונגען זאָלען דעפּאָזיטס אויסגעצאָהלט ווערען פריהער ווי שעהרס.

### אַרטיקעל 13.

## דאָס רעכט צו מאַכען הלואות.

§ 1. די קרעדיט־יוניאַן מעג באָרגען געלד (פון אַנדערע) ביז אַ סומע נים העכער ווי 40 פּראָצענט פון איהר קאַפּיטאַל, מיט דער אויסנאַהמע, דאָס ווען איהר קאַפּיטאַל איז $5.000 אָדער ווענינער, מעג זי לייהען ביז $2.000 מיט דער בעדינגונג אַבער, דאָס די סומע פון דער הלואה, די בעדינגונגען אויף וועלכע זי ווערט געגעבען און דער נאָמען פון דעם לייהער זאָלען אין יעדען געגעבענעם פאַל פריהער פאָרגעלעגט ווערען אויף אַ מיטינג פון די מיטגליעדער פון וועמען די אַנלייהע מוז געזעצליך אויטאָראַזירט ווערען.

### אַרטיקעל 14.

## אינוועסטמענטס פון פאָנדס.

§ 1. דער קאַפּיטאַל, דעפּאָזיטס, גאַראַנטיע פאָנד, נים פער־טהיילטע פּראָפיטען און אַלע אַנדערע געלדער פון דער קרעדיט יוניאָן, מעגען אינוועסטעט ווערען אויף איין אָדער מעהרערע פון די פאָלגענדע אופנים און נאָר אין אַזעלכע:

א) זיי מעגען אויסגעליהען ווערען צו מיטגליעדער פאַר אַזעל־כע צוועקען, סעקיוריטי און בעדינגונגען ווי עס איז פאַרגעשריבען אין אַרטיקעל 15 פון דיעזע קאָנסטיטוציאָן.

ב) זיי קענען דעפּאָנירט ווערען אויף דעם רעכנונג פון דער קרעדיט־יוניאָן אין סייווינגס בייגקס, סטייט בייגקס אָדער טראָסט

קאָמפּאַניעס, וואָס זיינען אינקאָרפּאָרירט אונטער די געזעצען פון שטאַאַט ניו יאָרק אָדער נאַציאָנאַלע ביינק, וואָס זיינען דאָ פאַראַן.

## אַמענדמענט 1.

ג) אַלע פאָנדס קענען אויך אינוועסטעט ווערען אין פעדעראַלע, שטאַאַטס און מוניציפּאַלע רעגירונגס באָנדס אויך אין אייזענ־באַהן קאָרפּאָראַציאָנען באָנדס, וועלכע זיינען אויטאָריזירט אַלס אינ־וועסטמענטס פאַר שפּאָר באַנקען (סייווינגס ביינקס) לויט אַבטהיי־לונג 1־2־3־4־5 און 7 פון סעק. 239 פון דעם באַנק געזעץ.

### אַרטיקעל 15.

### לייהען (צו אַנדערע).

§ 1. הלואות קען מען געבען יעדען מיטגליעד וואָס איז ניט הינטערשטעליג.

§ 2. קיין בעאַמטער אָדער מיטגליעד פון דער באָארד אָוו די־רעקטאָרס, אָדער פון דער קרעדיט־קאָמיטע אָדער פון דער סופּער־וויזאָרי קאָמיטע קען ניט לייהען דירעקט אָדער אינדירעקט אָדער זיין אַ גוטזאָגער פאַר וועלכע ניט איז הלואה אין דיעזער קרעדיט־יוניאָן, סיידען אַזאַ הלואה איז גוטגעהייסען געוואָרען אויף אַ רע־גולער גערופענעם מיטינג פון די מיטגליעדער מיט צוויי דריטעל שטי־מען פון די וואָס זיינען אַנוועזענד. אַ נאָטיץ וועגען מיטינג זאָל אַנדייטען אַז די פראַגע וועגען אַן הלואה צו דירעקטאָרס, בעאַמטע אָדער קאָמיטע מיטגליעדער וועט פערהאַנדעלט ווערען אויף דעם מי־טינג.

§ 2. קיין הלואה העכער ווי 50 דאָלאַר זאָל ניט געגעבען ווערען פון דער קרעדיט־יוניאָן אָהן סעקיוריטי, אונטער סעקיוריטי ווערט אויך פערשטאַנען אַן אינדאָסירטער נאָוט.

§ 4. די קרעדיט־יוניאַן זאָל פאָדערען פון יעדען לייהענדען מיטגליעד די איבערגעבונג און פערפּפאַנדונג (סורענדער ענד פּלעדזש) פון זיין שעהר ווען ער מאַכט די הלואה.

§ 5. הלואות קענען געגעבען ווערען נור אויף פּראָדוקטיווע צוועקען און אויף דרינגענדע בעדירפניסע.

§ 6. די סומען פון דער הלואה, די צייט אויף וועלכע זי ווערט געגעבען, די אָבצאָהלונגס־בעדינגונגען און די פאָרמע ווי אויך די ווערטה פון דער סעקיוריטי זאָל בעשטימט ווערען פון דער קרעדיט קאָמיטע.

§ 7. די פּראָצענט ראַטע אויף הלוואות זאָל פעסטגעשטעלט ווערען פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס. אין קיין פאַל זאָל די פּראָצענט ראַטע ניט זיין העכער ווי איין פּראָצענט פער מאָנאַט.

§ 8. יעדע הלוואה זאָל זיין געזיכערט דורך אַ וועקסעל (פּראָמיסאָרי נאָוט) פון דעם לייהער, אינדאָרסירט פון איין אָדער צוויי פערזענליך פעראַנטוואָרטליכע אינדאָרסערס (זשיראַנטען). די קרעדיט קאָמיטע מעג פאָדערען מעהר סעקיוריטי ווען זי געפינט עס פאַר נויטהיג.

§ 9. אַפּליקיישאָנס פאַר הלוואות זאָלען אָנגעגעבען גענוי דעם צוועק פאַר וועלכען די הלוואה ווערט געמאַכט און אַז דער אינדאָרסער האָט ניט געקראָגען קיין בעפריעדיגונג פאַר די אינדאָרסמענט. אין פאַל די פאַקטען ווי זיי זיינען אָנגעגעבען געוואָרען אין דעם אַפּליקיישאָן ציינען זיך ארויס ניט ריכטיג, אָדער ווען דאָס געליהענע געלד ווערט פערברויכט פאַר אנדערע צוועקען און ניט פאַר וועלכע עס איז געגעבען געוואָרען זאָל די הלוואה גלייך ווערען צאָהלבאַר. אין פאַל די באָארד אָוו דירעקטאָרס ווערט פאַר אירגענד וועלכע אורזאכע בעטראַכטען אָן הלוואה ניט גענוג זיכער, מעג זי פאָדערען מעהר סעקיוריטי, אָדער זאָפאָרטיגע אָבצאָהלונג פון דער הלוואה.

§ 10. קיין הלוואה זאָל ניט געגעבען ווערען אויסער ווען עס איז גוטגעהייסען געוואָרען פון אַ מעהרהיים מיטגליעדער פון דער קרעדיט קאָמיטע, וועלכע זיינען אנוועזענד געווען ווען די הלוואה איז בעטראַכט געוואָרען, און וועלכע מוזען זיין אם ווענינסטען צו דער מאַיאָריטעט פון דער זעלבער קאָמיטע.

§ 11. אַפּעלאַציאָנען געגען די ענטשיידונג פון דער קאָמיטע מעגען געבראַכט ווערען צו די באָארד אָוו דירעקטאָרס, וועלכע מעג די אַנגעלעגענהייט פאָרלייגען פאַר די אַלגעמיינע מיטגליעדערשאַפט.

ארטיקעל 16.

פּאַס בוך (באַנק בוך).

§ 1. יעדער מיטגליעד זאָל בעקומען אַ פּאַסס בוך וואו עס דאַרף אַריינגעטראָגען ווערען אַלע געלדער וועלכע ער צאָהלט אין דער קרעדיט יוניאָן אויפ'ן חשבון פון שעהרס, דעפּאַזיטס אָדער הלוואות; אויך ארויסגענומענע געלדער, ווי אויך אַלע אַנדערע דעביטס און קרעדיטס אין פערבינדונג מיט זיין חשבון אין דער קרעדיט יוניאָן. יעדע איינפיהרונג אין אַזאַ פּאַסס בוך דאַרף געצייכענט ווערען מיט די איניציאַלען פון טרעזשורער אָדער פערזאָן

וועלכע איז אנפערטרויט צו אָנגעהמען און אויסצאָהלען געלדער. ווען א באַנק בוך ווערט פערלאָרען אדער גע'גנב'עט, זאָל דער אייגענטהימער גלייך מעלדען דעם טרעזשורער און ער ווערט דאַן בעקומען א דופליקייט פאַסס בוך, נאָכדעם ווי זיין פערזאָן איז פעסטגעשטעלט געוואָרען און ער האָט איינגעצאָהלט 25 סענט. אין אַלע פעלע, ווען דער טרעזשורער האָט אויסגעצאָהלט אויף א פּרעזענטירטען באַנק בוך און א מיטגליעד'ס שעהר סערטיפיקייט, איז די קרעדיט יוניאָן בעפרייט פון פעראנטוואָרטליכקייט פאר די אויסגעצאָהלטע סומע.

### ארטיקעל 17.

### גאַראַנטיע פאָנד.

§ 1. אַלע איינטריטס־צאָהלונגען, שטראַפען און טראַנספער אָבצאָהלונגען זאָלען זיין בעקאַנט אַלס רעזערוו איינקונפט און נאָכדעם ווי אַלע אָרגאַניזאַציאָנס אויסגאַבען וועלען בעצאָהלט ווערען זאָל דער באַלאַנס צוגערעכענט ווערען צו דעם גאַראַנטיע פאָנד פון דער קרעדיט־יוניאָן.

§ 2. ביי דער ענדע פון יעדען געזעצליכען יאָהר זאָל 25 פּראָצענט פון די ריינע פּערדינסטען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין פערלויף פון דעם געזעצליכען יאָהר, אוועקגעלייגט ווערען אַלס גאַראַנטיע פאָנד פון דיזער קרעדיט יוניאָן. לויט די רעקאָמענדיישאָן פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס מעגען די מעמבערס אויף א יעהרליכען מיטינג פערגרעסערען דעם גאַראַנטיע פאָנד, און ווען דער גאַראַנטיע פאָנד ווערט זיך אויסגלייכען מיט דער סומע פון קאַפּיטאַל, מעגען די מיטגליעדער פערקלענערען די פּראָפּאָרציע פון די ריינע פערדיענסטען, וועלכע ווערען אוועקגעלייגט אַלס גאַראַנטיע פאָנד. דער גאַראַנטיע פאָנד זאָל אָבער ניט זיין גרעסער פון קאַפּיטאַל צורעכענענדיג צו איהם פינפציג פּראָצענט פון די אנדערע שולדען פון דיזע קרעדיט יוניאָן.

§ 3. די פערלוסטען פון דער קרעדיט יוניאָן זאָלען אָבגערעכענט ווערען פון גאַראַנטיע פאָנד. אַלע סומען וואָס ווערען צוריקגעקראָגען אויף רעכנונגען וועלכע זיינען פריהער דעביטירט געוואָרען, זאָלען צוריק קרעדיטירט ווערען צום גאַראַנטיע פאָנד.

§ 4. דער גאַראַנטיע פאָנד זאָל זיין דאָס איינענטהום פון דער קרעדיט יוניאָן און זאָל אָנגעהאַלטען ווערען צו דעקען אַלע מעגליכע פערלוסטען און קיין מיטגליעד קען ניט פאָדערען א טהייל אויסער

ווען די קרעדיט יוניאַן ווערט אויפגעלייזט, ווי עס איז פאָרגעשריבען אין די סטאַטוטען און אַרטיקעל 16 פון דיעזער קאָנסטיטוציאָן.

ארטיקעל 18.

## דיווידענדס.

§ 1. די באָארד און דירעקטאָרס מעג אויף איהר יעהרליכען מיטינג פון די מעמבערס אַנאָנסירען דיווידענדס פון די אונפערטהיילטע פראָפיטען פון דער קרעדיט יוניאָן. אונפערטהיילטע פראָפיטען זאָלען גערעכענט ווערען אויף דעם פאָלגענדען אופן: קרעדיטירען צום פראָפיט און פערלוסט רעכנונג פערדיענסטע פון אלע קוועלען און אראברעכנען דערפון אלע אויסגעצאָהלטע הוצאות, פראָצענט, בעצאָהלטע אדער אָנגעוואקסענע און ניט בעצאָהלטע, אלע שולדען פון דער קרעדיט יוניאָן און אלע פערלוסטען וואָס שטייגען איבער דעם גאראנטיע פאָנד. דער קרעדיט באַלאַנס פון דעם פראָפיט און פערלוסט רעכנונג וואָס איז אויף אזא אופן פעסטגעשטעלט געוואָרען, זאָל ביי דער ענדע פון אזא פעריאָדע פעררעכענט ווערען אלס די אונפערטהיילטע פראָפיטען און זאָל זיין פערוועגדבאר פאר אויסצאָהלען דיווידענדס. קיינע דיווידענדס זאָלען ניט אָנאָנסירט ווערען אָדער אויסגעצאָהלט ווערען דורך דער קרעדיט יוניאָן, סיידען עס וועלען גערעקט ווערען אלע פערלעצונגען פון קאפיטאל און פעררעכענט ווערען אויפ׳ן גאראנטיע פאָנד דער טהייל פון איהרע ריינע פערדיענסטען ווי פאָרגעשריבען אין ארטיקעל 17, פונקט 2 פון דיעזער קאָנסטיטוציאָן.

§ 3 דיווידענדס זאָלען געצאָהלט ווערען נור אויף פאָלשטענדיג אויסגעצאָהלטע שעהרס. שעהרס וואָס ווערען אויסגעצאָהלט אין פערלויף פון יאָהר זאָלען קריגען דיווידענט, פראָפּאָרציאָנעל, פון דעם ערשטען טאָג אין מאָנאט נאָך דער פאָלשטענדיגער אויסצאָהלונג. דיווידענדס מעגען קרעדיטירט ווערען, אָדער אויסגעצאָהלט ווערען אין באר געלד אויפ׳ן פערלאנג פון שעהר־האָלדער אין פערלויף פון 30 טעג, נאָכדעם ווי דיווידענדס זיינען אָנאָנסירט געוואָרען, אָדער אזוי שנעל נאָכדעם ווי עס וועט זיין געלד דערויף.

ארטיקעל 19.

## פעראנטווארטליכקייט.

§ 1. מיטגליעדער זיינען גלייך און פראָפּאָרציאָנעל פעראנטווארטליך פאר די חובות פון דער קרעדיט־יוניאָן. קיין מיטגליעד

איז אָבער נים פערזאנטוואָרטליך פאר סומען העכער ווי די נאָמי־נאַלע ווערטה (פער וואַליו) פון די שעהרס וואָס בעלאַנגען צו איהם אָדער אויף וועלכע ער האָט זיך פערשריבען.

### ארטיקעל 20.

## אמענדמענטס צו דער קאָנסטיטוציאָן

§ 1. דיעזע קאָנסטיטוציאָן קען אמענדירט ווערען דורך דריי פערטעל פון די מיטגליעדער וואָס זיינען אנוועזענד ביי א מיטינג, מיט דער בעדינגונג אז דער פאָרגעשלאָגענער אמענדמענט זאָל צו־ערשט האָבען די צושטימונג פון דעם באנקען־סופעראינטענדענט, און מיט דער בעדינגונג אז א נאָטיץ ענטהאלטענד א ריכטיגע קאָפּיע פון דעם פאָרגעשלאָגענעם אמענדמענט זאָל פאנאנדערגעשיקט ווער־רען צו יעדען מיטגליעד ווי פאָרגעשריבען אין פונקט 1, ארטיקעל 4, פון דיעזער קאָנסטיטוציאָן.

### ארטיקעל 21.

## א ו י פ ל ע ז ו נ ג.

§ 1. פיער פינפטעל פון די מיטגליעדער פון דער קרעדיט־יוניאָן, קענען ביי א מיטינג וואָס איז ספעציעל גערופען געוואָרען דערפאר, לויט די איינשטימיגע רעקאָמענדאציאָן פון דער באָארד אָוו דירעקטאָרס פערזענליך צושטימען, אז די קרעדיט־יוניאָן זאָל זיך אויפלעזען און דיעזע צושטימונג מוז זיין שריפטליך. די קרע־דיט יוניאָן זאָל דאן אויפגעלעזט ווערען אין אנקלאנג מיט די סטאַ־טוטען, לויט וועלכע די קרעדיט־יוניאָן איז אָרגאניזירט געוואָרען.

§ 2. אין פאל פון אויפלעזונג, זאָל דאָס פערמעגען פון דער קרעדיט־יוניאָן פערטהיילט ווערען לויט די פאָלגענדע אָרדנונג :

א) אויסצאָהלען געליהענע געלדער מיט די אָנגעוואקסענע פראָ־צענט.

ב) אויסצאָהלען אנדערע געזעצליכע פערפליכטונגען צו נים מיטגליעדער.

ג) אויסצאָהלען דעפאזיטס מיט די אָנגעוואקסענע פראָצענט.

ד) דער באלאנס זאָל פראָפּאָרציאָנעל פערטהיילט ווערען צווי־שען די שעהר־האָלדערס.

---

אום צו האָבען אַ בעגריף וואָס די בעוועגונג האָט אויפגעטהאָן ביז יעצט, קען מען פערשטעהן פון דיזער טאַבעלע פון קרעדיט יוניאָנס, וועלכע עס עקזיסטירען שוין אין די פערשיעדענע געגענדען אין אונזער לאַנד:

# אפעריענדע קרעדיט־יוניאָנס:

## קאָננעטיקוט

5 אידישע פאַרמערס קרעדיט יוניאָנס.

## מאַסאַטשוזעטס:

50 קרעדיט יוניאָנס (אריינגערעכענט 1 אידישע פאַרמערס קרעדיט יוניאָן).

## ניו־דזשוירזי

5 אידישע פאַרמערס קרעדיט יוניאָנס.

## נאָרטה קאַראָליינאַ

8 רורעל (לענדליכע) קרעדיט יוניאָנס.

## דעלאַוועאַר

1 רורעל קרעדיט יוניאָן.

## ארעגאָן

1 קרעדיט יוניאָן (אינפאָרמאַציאָן ניט פאָלשטענדיג).

## טעננעסי

1 קרעדיט יוניאָן.

## טעקסאַס.

1 קרעדיט יוניאָן (אינפאָרמאַציאָן ניט פאָלשטענדיג).
יוטאַה, וויסקאָנסין (איפאָרמאַציאָן ניט פאָלשטענדיג).

## ראָד איילאַנד

האָט איין קרעדיט יוניאָן.

## ניו־יאָרק

(אויטאָריזירטע)

25 שטעדטישע:
ספידוועל קרעדיט יוניאָן.
גרעיט נאָרטהערן קרעדיט יוניאָן.

מעטראפאליטאן קרעדיט יוניאן.
קאמערשעל קרעדיט יוניאן און ברוקלין.
מיוטשועל אינוועסטמענט קרעדיט יוניאן.
קאאפעריימיוו קרעדיט יוניאן.
יונייטעד קרעדיט יוניאן.
מארקס און ראוסעל עמפלאאים' קרעדיט יוניאן.
אמקענקא קרעדיט יוניאן.
נראסערס' קרעדיט יוניאן.
באראה און ברוקלין קרעדיט יוניאן.
פראספעריטי פאנד קרעדיט יוניאן.
פראטערנאל קרעדיט יוניאן.
קרעדיט יוניאן און עמפלאאים און דזשאהן וואנאמייקער.
קינגס קאונטי קרעדיט יוניאן.
עקוויטייבעל קרעדיט יוניאן.
סטענדערד קרעדיט יוניאן.
עמפייער סטייט קרעדיט־יוניאן.
ראשען־פאליש פראגרעסיוו קרעדיט יוניאן.
„פי. עם סי" עמפלאאים' קרעדיט יוניאן.
פעירסט האנגעריען קרעדיט יוניאן.
וועסט־סייד קרעדיט יוניאן.
סיטיזענס קרעדיט יוניאן.
פעדעראל עמפלאאים' קרעדיט יוניאן.
קרעדיט יוניאן און עמפלאאים' קאנפערענס.

5 ל ע נ ד ל י כ ע:

סענטערוויל סטיישאן קא־אפעריימיוו קרעדיט יוניאן.
דזשואיש פארמערס קאאפ. קרעדיט יוניאן און הערלעיוויל.
דזשואיש פארמערס קאאפ. קרעדיט יוניאן און מייפעלוואוד.
דזשואיש פארמערס קאאפ. קרעדיט יוניאן און פערנדייל ענד סטיווענסוויל.
דזשואיש פארמערס קאאפ. קרעדיט יוניאן און רענסעלער קאונטי.

(נים אויטאריזירטע)

4 אידישע פארמערס' קרעדיט־יוניאנס.

בס"ה אפערירען 107 קרעדיט־יוניאנס.